Hebr. e. 795

das Liebshaft

# דָאס לִיעבְשַׁאפְט

צוויא וואהרע אונד ווינדערבארע געשיכטען

1) פון דעם גאון ר׳ יצחק ז״ל מטורנא יע״א

2) פון צוויא טרויע חברים אין קאנסטאנטינאפאל

איבער־זעצט פון לשו. קודש דורך דען טאב־שטיממען

## יעקב יוסף ראזענשטיין.

פיעטרקוב

דרוקעריי ש. בעלכאטאווסקי.

תרס״ז

---

# ДАСЪ ЛИБШАФТЪ

или ПЕРСТЪ БОЖІЙ

два разсказа прошлыхъ временъ

изданіе глухо-немого І. І. Розенштейна, Пабіаницe.

ПЕТРОКОВЪ 1907

Типо-Литограф. Ш. Белхатовскаго.

# דאס ליעבשאפט

## צווייא וואהרע אונד ווינדערבארע געשיכטען

1) פון דעם גאון ר' יצחק ז"ל מטורנא יע"א

2) פון צווייא מרויע חברים אין קאנסטאנטינאפאל

איבער-זעצט פון לשון קודש דורך דען טאב-שטיממען:

**יעקב יוסף ראזענשטיין.**

פיעטרקוב

דרוקעריי ש. בעלכאטאווסקי.

תרס"ז

# ДАСЪ ЛИБШАФТЪ

## или ПЕРСТЪ БОЖІЙ

два разсказа прошлыхъ временъ

изданіе глухо-немого І. І. Розенштейна, Пабіанице.

ПЕТРОКОВЪ 1907

Типо-Литограф. Ш. Белхатовскаго.

דיע
איך איבע
איינע וואַ
פאַסיערט
לפ"ק. אויף
מיט צווייא
די געשיכט
קעניגסבער
גלייך פער
רעססאַנט ז
אויף זאַרגז
גענוגען פע
ליבע
פערגעניגען
ראַפאַן צו

# פאָררעדע

דִיע אוֹיסגאַבֶּע וואָס עֶרשַׁיינט יעֶצט אִין זאַרגאָן האָבּ איִך אִיבּערזעֶצט פוּן לשון קודש , דאָ ווערט דעֶרציֵילט אֵיינעֶ וואוּנדעֶרבּאַרעֶ אִין אַ וואַהרעֶ געֶשִׁיכטעֶ וואָס האָט פּאַסִיעֶרט בּיַי דעֶם רב ר׳ יצחק ז״ל מטירנא אִין יאָהר ש״ל לפ״ק. אוֹיךְ אַ וואוּנדעֶרבּאַרעֶ געֶשִׁיכטעֶ וואָס האָט פּאַסִיעֶרט מִיט צווייַא חברים אִין קאָנסטאַנטִינאָפּאָל אִין יאָהר ש״ב לפ״ק.

דִי געֶשִׁיכטעֶן זעֶנעֶן געֶוואָרעֶן געֶדרִיקט אִין יאָהר תרי״ז אִין קעֶנִיגסבּעֶרג אוּנד דִיעזעֶלבּעֶ זעֶננעֶן מִיט גרויסעֶן עֶרפאָלק גלייַךְ פעֶרקוֹיפט געֶוואָרעֶן. דאַ דִיעזעֶלבּעֶ זעֶהעֶר אִינטעֶרעֶססאַנט זִינד , דעֶרִיבּעֶר האָבּעֶ אִיךְ דִיעזעֶלבּעֶ אִיבּעֶרזעֶצט אויף זאַרגאָן דאַמִיט אִיךְ דִיע געֶעֶהרטעֶ לעֶזעֶר פִיעל פעֶרגנִיגעֶן פעֶרשאַפּעֶן זאָלל.

לִיבּעֶ לעֶזעֶר! קויפט דאָס בִּיכעֶל , אִיהר ווערט אַייךְ פִיעל פעֶרגנִיגעֶן פעֶרשאַפעֶן , אוּנד אִיךְ ווערדעֶ אִים שטאַנדעֶ זייַן דאַפאָן צוּ עֶגזִיסטִירעֶן.

הערויס געבער

## .1

דִי ווִינדערבַּארֶע גֶעשִׁיכטֶע וואָס האָט גֶעטראָפֶען דעֶן רב ר׳ יצחק ז״ל מטירנא. דעֶר זעֶלבּעֶר ר׳ יצחק אִיז גֶעוועֶן אב״ד ומ״ץ בק״ק טירנא, עֶר האָט גֶעהאַט אַ אֵיינציִגעֶ טאָכטעֶר חנה, זִיא אִיז געווען זעֶהער שעֶהן, אֵיינמאָל חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות, אִיז דעֶר רב גֶעזעֶסעֶן און גֶעלעֶרנט מִיט זַיינעֶ תלמודים, אִין דעֶר ישיבה, עֶר האָט זִיךְ מִיט זֵייא שטאַרק מפלפל גֶעוועֶן, און ווייַל זֵייא האָבעֶן זִיךְ זעֶהר הויךְ מפלפל גֶעוועֶן האָט מעֶן זֵייעֶר קוֹל גֶעהעֶרט ווִיא ווייַט. נִישט ווייַט פון דִיא ישיבה האָט אַרוּם שפאַציעֶרט דעֶר פרונץ פון יעֶנעֶם לאַנד, זַיין פאָטעֶר דעֶר קֵייזעֶר אִיז גֶעשטאָרבּעֶן ווען עֶר אִיז נאָךְ גֶעוועֶן יונג זאָ האָט זַיין מוטעֶר דִיא קֵייזערִין דעֶרווייַל גֶעפִיהרט דִיא מלוכה. דעֶר פרִינץ אִיז גֶערִיטעֶן אויפ׳ן גֶעֶיעֶג, אויפ׳ן ווֶעג אִיז עֶר אַדוּרךְ גֶעפאָהרעֶן דִיא יודִישעֶ גאַס, האָט עֶר גֶעהעֶרט דאָס גֶעפִיפִידעֶר פון רָב׳ס הויז, אִיז עֶר אַראָבּ פון זַיין פעֶרד מִיט נאָךְ אֵיינעֶם פון זַיינעֶ רייַטעֶר וואָס האָבּעֶן אִיהם בּעֶגלייַט, צו זעֶהן פון וואַנעֶט עֶס עֶרנעֶמט זִיךְ דאָס גֶעשרייַ, אִיז עֶר אַרייַן גֶעגאַנגעֶן אִין דעֶר ישיבה, ווִיא דעֶר רָב מִיט זַיינעֶ תלמידים האָבּעֶן אִיהם דעֶרזעֶהן, האָבּעֶן זֵייא אִיהם בּאַלד עֶרקעֶנט, זֵייא האָבּעֶן זִיךְ שטאַרק עֶרשראָקעֶן, בּעֶווייַל זֵייא האָבּעֶן נִישט גֶעווִיסט נאָךְ וואָס דעֶר פרִינץ אִיז אַרייַן גֶעקוּמעֶן; זֵייא האָבּעֶן זִיךְ גֶעבּוּקט צו דעֶם פרִינץ, און דעֶר רב האָט גֶעזאָגט, דעֶר פרִינץ זאָל אֵייבִּיג לעֶבּעֶן! אִיךְ, דייַן קנעֶכט, בִּין גרייַט צו עֶרפִילעֶן דייַנעֶ פעֶרלאַנגעֶ. האָט דעֶר פרִינץ אִיהם גֶעעֶנטוועֶרט, דוּא זאָלסט דִיךְ גאָר נִישט שרעֶקעֶן, אִיךְ בִּין אַהעֶר גֶעקוּמעֶן זעֶהן וואָס דאָס

געשריַי איז. יעצט זעה איך דאָס עטץ זענט אַייך שטאַרק מפלפל, געפּעלט עס מיר שטאַרק, דען דורך דעם פלפול דערגעהט מען דעם אמת, אויך דעם רב׳ס ווייַב מיט זייער טאָכטער זענען אַקעגען געקומען דעם פּרינץ, און האָבען איהם גרויס כבוד אָנגעטהוען. וויא דער פּרינץ האָט ערזעהן דעם רב׳ס שיינע טאָכטער, האָט זיא איהם זעהר געפעלען, און ער האָט זיך אין איהר זעהר פערליעבט, און האָט בייַא זיך אָנגעפאַסט, דאָס ער מוז זיא האָבען פאַר אַווייַב, אפילו ער זאָל דיא מלוכה פערליערען דאַדורך. זאָ האָט דער פּרינץ גערופען איהר פאָטער דעם רב, און האָט איהם געזאָגט דאָס ער האָט מיט איהם צו ריידען אַסוד, דער רב איז זעהר דערשראָקען געוואָרען דאָס הערענדיג, און וויא ביידע זענען אַריין געגאַנגען אין אַבעזינדערען צימער, האָט דער פּרינץ פון איהם פערלאַנגט ער זאָל פאַרקיינעם נישט מגלה זיין וואָס ער ווירד איהם דאָ זאָגען, און וויא דער רב האָט איהם צוגעזאָגט דאָס עס ווירד קיינער נישט וויסען דערפון, האָט דער פּרינץ איהם געזאָגט דו זאָלסט וויסען, דאָס איך האָב געזעהן דיין שיינע טאָכטער, און זיא איז מיר זעהר געפעללען, ע״כ מוזט דוא זיא מיר געבין פיר אַווייַב, איך וועל דיר געבין וואָס דיא ווירסט נור פערלאַנגען, מיין גאַנץ עשירות, אפילו מיין מלוכה בין איך גרייט צו פערליערן, צוליעב דיין טאָכטער, וויא דער רב האָט דאָס ערהערט, האָט ער איהם אָנגעהויבען אָפּצורעדין דערפון, און האָט איהם אַזוי געזאָגט דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט דאָס מיר יודען זענען אַללע אין גלות זעהר פערשפּרייט, אונזער בית המקדש איז חרוב, אונזער לאַנד איז וויסט, מיר האָבען נישט אין גלות קיין שום ממשלה, נאָך וואָס זאָלסט דיא פערלאַנגען מיין טאָכטער? איז דען נישט דאָ צווישען דיא רייַכע איין קייזערליכע טאָכטער פיעל שענערע וויא מיין טאָכטער? אין צווייטענס איז דאָס אונז פערבאָטען ע״פ תורתנו, וואָס איז בייַא אונז זעהר טהייַער, אונזער תורה האָט אונז נישט ערלויבט זיך מתחתן צו זיין מיט

עֲרֵלִים. האָט דער שַׂר גענטוואָרט, יעצט פערשטעה איך פאַר וואָס איך קען נישט בעקומען דיין טאָכטער, בעוויַיל איך בין נישט קיין יהודי, אָבער איך זאָג דיר צו אַז אין אַקורצע צייַט וועל איך זיין אַ יוד, דער פרינץ האָט תיכף גענומען זיין נאָטיס בוך, און האָט געהייסען דער רב זאָל אויפשרייבען די פאָלגענדע ווערטער: „מודה אני הח"מ אַז ווען דער פרינץ אדוננו ווירד ראוי זיין צו נעמען מיין טאָכטער ע"פ חוקי תורתנו, בין איך מחויב אים זיא צו געבען פאַר אַווייב בלי שום פקפוק כלל" דער רב האָט אַזוי אויפגעשריבען און האָט זיך אונטער געחתמ'ט „יצחק רב בטירנא", און זייא האָבען זיך צו געשוואָרען עס זאָל קיינער נישט וויסען דערפון, און זייא האָבען זיך ביידע צושיידט.

אחר הדברים האלה האָט דער פרינץ געזאָגט צו זיין בעגלייטער און קנעכט, קומט לאָמיר גיין אין פעלד אַריין אויפ'ן געיעג. וויא זייא זענען אַריין געקומען אין טיעפען פעלד, האָט דער פרינץ געזאָגט צו זיינע קנעכט, מיינע פריינד הערט אוים וואָס איך וועל אייך דערציילען, נור בעפאָר וועל איך אייך בעשווערען באלקי השמים והארץ דאָס עטץ זאָלט נישט מגלה זיין פאַר קיין שום מענש מיינע רייד. האָבען זייא אַלע אויסגעשריען, מיר אַלע בלייבען דיינע קנעכט, וואָס דוא ווירסט אונז בעפעהלען וועלען מיר טהוען, און ווי דוא ווירסט אונז הייסען וועלען מיר געהן. האָט דער פרינץ גענטוועְרט אויב אַזוי זאָ/ט איהר וויסען, דאָס איך האָב בדעה אַוועק צו רייזען זעהר וויַיט, אוים צוקוקען די וועלט מיט איהרע לייט, איך וועל אויספאָרשען אַלע אומות (נאַציאָנען) מיט זייערע מנהגים, און דאָס גוט'ס וואָס גאָט ווירד מיר בעשערען וועל איך מיך מיט אייך טהיילען, נאָר בתנאי עטץ זאָלט דאָס נישט מגלה זיין מיין מוטער די קייזערען, דען זאָ וויא איך בין איהר איינציגער זוהן, ווירד זיא מיך אַזעלכעס נישט לאָזען טהוען און איך וויל דורכאויס מקיים זיין וואָס איך האָב אויף מיר גענומען. האָבען אַלע

אויסגעשריען צו זאמען און האבען געזאגט, אזוי וויא אונזער הערר וויRד אונז הייסען וועלען מיר טהוען, און וואו אהין ער ווירד אונז זאגען, וועלען מיר געהן, מיר וועלען זיךְ נישט שיידען איינער פון צווייטען, און מיר זענען גרייט זיךְ איינצ=
שטעלען דאס לעבען פיר דיר אונזער הערר, האט דער שר זייא געווינשען דאס גאט זאל זייא אלע מיט העלפען. האבען זיינע קנעכט אנגעהויבען צו ריידען נאכאמאל, מיר וועלען דיר בעווייזען ווי ווייט מיר זענען דיר געטריי, און מיר ווילען דיר ארויס העלפען, מיר זענען דיר יעצט מגלה אגרויסען סוד, דוא זאלסט וויסען אז עס איז דא אגרויסער אוצר מיט פיעל גאלד און זילבער און פעריל וואס דיין פאטער, דער קייזער האט געהאט, און דער אוצר איז בעהאלטען אונטער אשטיין וואס ליעגט אונטער דיין מוטער'ס בעט, ע"כ זאלסט דוא וויסען וואס דוא האסט צו טהוען בעוויל דוא ווירסט געברויכען זעהר פיעל להוצאות הדרך, זא ווירד דיר אונזער עצה צוניץ קומען. האט דאס זעהר געפאלען דעם פרינץ. וויא עס איז געקומען צו מיטאג מאהלצייט האט דער פרינץ גישט געוואלט קומען עסען אויךְ צום נאכט מאהלצייט האט ער נישט געוואלט קומען, האט זיין מוטער דיא קייזערין איהם געפרעגט, וואס פעלט דיר מיין טהייערער זוהן? וואס דוא ביסט נישט געקומען עסען, פיליייכט פערלאנגסט דו עפיס וועלען מיר דיר אלעס ערפילען. האט ער געאנטווערט, ליעבע מוטער איךְ האב קיין שום זארג נישט, נאר דאס וואס איךְ זעה אזוי שלעכט אויס, איז וויל איךְ בין נישט געשלאפען שוין מעהר וויא דרייא נעכט, און דאס שאדעט מיר אויךְ צום עססען, אפשר אז איךְ וועל משנה זיין מיין געלעגער, און וועל דיא נאכט שלאפען אין דיין בעט פילליייכט וועל איךְ מיךְ קענען בערוהיגען און שלאפען, זא ווירד מיר בעסער ווערען. האט דיא קייזערין איהם געענטווערט, טהיע מיין זיין אזוי וויא דיר געפעללט. האט דער פרינץ זיךְ געלעגט שלאפען אין דעם צימער פון זיין

מוטטער, אין מיטטען דער נאַכט איז ער אויף געשטאַנען פון זיין בעט, אין האָט אַרויס גענומען דעם אוצר וואָס איז געווען בעהאַלטען אַזוי פיעל יאָהרען, און פאַרטאָג׳ס איז ער אַרויס געגאַנגען אין פעלד אריין אין האָט דערציילט פיר זיינע קנעכט, עטץ זאלט וויסען דאָס דער אוצר איז שוין ביי מיר און יעצט גרייט אָן צדה לדרך און זעקם פערד צו רייטען און צו בעלאַדנען. און מאָרגען פאַרטאָג׳ס וועלין מיר געהן אין וועג אַריין, מיר וועלין קיינעם נישט דערציילין דערפון, דעם זעלבין טאָג אויך ביי נאַכט האָט עם געגעסען און געטרונקען און איז געווען אויך פרעהליך, האָט עם זעהר געפעלין זיין מוטטער די מלכה אין האָט איהם געזאָגט אויב דוא ווילסט, זאָלסט דוא נאַכט אויך שלאָפען אין מיין צימער, האָט ער געזאָגט, איך וועל אַזוי טהון, און מיטטען דער נאַכט האָט ער זיך אויף געהויבען מיט זיינע קנעכט אין זענען אַוועק אויף די זעקס פערד וואָס זענען געווען גרייט אָנגעלאָדענט.

ויהי בבוקר וויא עס איז טאָג געוואָרען איז די מלכה אַריין אין איהר שלאָפצימער זעהן וואָס איהר זוהן מאַכט, אָבער דאָס צימער איז געווען פעסט פערשלאָסען. מען קען נישט אַריין, מען קען נישט אַרויס, האָט זיא געוואַרט אַ ווילע אין דער נאָך האָט זיא געהייסען אויפברעכען די טהיר אין זענען אַריין, אָבער זייא האָבען קיינעם נישט געפונען, האָבען זייא נאָך געזוכט אויף אללע ערטער וויא דער פרינץ פלעגט געהן און זייא האָבען איהם נישט געפונען, אין די גאַנצע שטאָדט טירנאָ איז געבליבען טרויעריג. האָט מען גערופען די קייזערליכע שרייבער זיי זאָלען שרייבען בריעף אין אללע מדינות וואָס געהער די מלכה, אין יעדער מדינה אין יעדער שטאָדט וויא עס איז אַהין געקומען די בריעף פון די קייזערין, האָט מען הויך אויסגערופען אין די גאַסען „ווער עס ווייסט אָדער ער האָט עטוואַס געהערט וועגען דעם בן המלך, סאַ ער לעבט נאָך, סאַ ער איז געשטאָרבען זאָל קומען זאָגען, ער ווירד זעהר גיט בעלוינט ווערען כיד

המלך". אָבער דער פּרינץ איז אַוועק און פערקרומטע וועגען דעריבער האָט מען איהם נישט געקענט געפינען, איז דיא מלכּה זעהר דערציטערט געוואָרען, אויב אַלע שטאָדט לייט פון קליין ביז גרויס האָבען געטרויערט אויף דעם פּרינץ, דען ער איז בּיי זיי געליעבט געוועזען, דערצו איז ער געוועזען פּרינץ וועלכער האָט געזאָלט זיין זייער קייזער, און דער פּרינץ פאָהרענדיג וויים, האָט זיך אַלס נישט אויסגעגעבען וואָס ער וויל טהוען, זאָגאַר פיר זיינע קנעכט האָט ער נישט דערציילט, איינמאָל האָט ער אַריין געלייגט סַם הַמָוֶת אין דעם עסען פון זיינע קנעכט וואָס האָבען איהם בּעגלייט. כּדי פון זיי פָּטור צו ווערען, וויא זיי האָבען געגעסען, האָבען זייא אָנגעהויבען צו שרייען און זיפצען פון גרויס ווייטאָג, האָט דער שר געשיקט נאָך דאָקטאָרים, אָבער דיא רופאים האָבען שוין גאָר נישט געקענט העלפען בעוויַל דער גיפט האָט זיך צושפּרייט אין זייערע קערפער, זאָ זענען זייא געשטאָרבען, און דער פּרינץ האָט זייא געלאָזט בעגראָבען מיט גרויס כּבוד, נאָכדעם האָט ער אַלעס צו זאַמען גענומען און ער איז אַוועק ווייטער און כּדי עס זאָל איהם נישט שאַדען דיא קייזערליכע מלבּושים אין וועלכע ער איז געוועזען בעקליידט, האָט ער זיך איבערגעטוהען אַלטע מלבּושים מען זאָל איהם נישט ערקענען און האָט אַוועק גערייזט, אין זיין רייזע איז ער אַריין אויף אַ אָרט וויא ס'האָבען געוואוינט פיעל יודען, האָט ער" געהערט וויא אַמְלַמֵד לערנט מיט זיינע תּלמידים, איז דער פּרינץ צו געגאַנגען צום מלמד און האָט איהם געזאָגט, שָׁלוֹם עָלֶיךָ רַבִּי! הער מיך צו, דו זאָלסט וויסען דאָס איך בין יונגערהייט געפאַנגען געוואָרען, ציגאַנער האָבען מיך געחאַפּט בעוויַל איך בין געשטאַנען פאַר דיא טהיער. ביַיא נאַכט זענען מיר מיינע עלטערען געקומען אין חלום און האָבען מיר געזאָגט דוא זאָלסט וויסען דאָס דוא ביזט אונזער זוהן, דוא ביזט געבאָרען געוואָרען אַ יוד, דעריבער זאָלסט דו בלייבען בייא דער יודישער אמונה ביז דוא ווירסט

שטאַרבען , און האָף צו גאָט דאָס ער ווירד דיך מַציל זיַין פון אַלע צרות. וויא איך האָב דאָס ערהערט האָב איך דאָס גוט געַנומען אין זינן אַריַין. אייַנמאָל בייַא נאַכט בְּעֵת דער צוגאַנער מיט זיַין גאַנץ הויזגעזינד איז אַוועק אין וועג אַריַין האָב איך זיך אויף געהויבען און אַנטלאָפען מיט דעם גאַנצען רייַכטהום פון דעם צוגאַנער , און בין דאָ אַהער געקומען , יעצט פערלאַנג איך דוא זאָלסט מיך לערנען דיא תּורה , און איך וועל דיר דאַפאַר גוט בעצאָלען , און עס איז אַזוי געוועזן , דער מלמד האָט געלערנט דעם פרינץ פיעל תּורה , און דער פרינץ האָט עס זעהר גרינג מקבל געוועזן . נאָך דעם האָט ער גענומען בייַא זיַין רֶבין רשות צו פאָהרען אין אַגרויסע ישיבה אַריַין , און וואָס אַמאָל איז ער אַריַין אין אַגרעסערע ישיבה ביז ער איז געוואָרען אַגרויסער למדן אַחַריף ובָקי , דענסמאל האָט ער זיך בעטראַכט , אָט יעצט בין איך שוין ראוי צו נעמען ר׳ יצחק מטירנא׳ס טאָכטער פאַר אַווייַב , און ער האָט אָנגעפאַסט בייַא זיך אַוועק צו פאָהרען פון דיא ישיבה , און פאַר זיַין אָבריַיזען האָט ער מגלה געוועזן זיַין רבין בסוד כְּמוּס אַלעס וואָס האָט זיך מיט איהם פאַסירט, אין האָט פערלאַנגט פון זיַין רבין ער זאָל איהם מַל זיַין. דער רבי האָט ערפיעלט זיַין פערלאַנג און האָט איהם מל געוועזן , און האָט איהם געזאָגט אויב דו ווילסט מיַין טאָכטער, געב איך זיא דיר פיר אַווייַב , און דו קאָנסט דאָ פערבלייַבען , האָט דער פרינץ געענטווערט איך קענען דאָס נישט טהוען איך מוז געהן אַוועק אין מיַין לאַנד אַריַין, האָט איהם דער רבי געבענשט און ער איז אַהיים געפאָהרען . וויא ער איז אַריַין קיין טירנא, האָט ער זיך געקויפט איין אַלט מלבוש פיעל מיט לאַטעם . אַזוי וויא אַבעטלער . און ער איז אַריַין צום רָב ר׳ יצחק מטירנא , נאָר זוי וויא זיַין ליעבשאַפט צו רָב׳ס טאָכטער איז געוועזן זעהער גרויס איז ער גלייך צו געגאַנגען צו איהר מיט איהר צו רייַדען, נאָר זיא האָט גערעכענט דאָס ער איז אַ אָרומער בָחור וואָס איז געקומען

לערנען צו איהר פאָטער, ע״כ האָט זיא צו איהם געזאָגט, נאַ דיר אַגראָשען אין אַשטיקעל ברויט און געה דיר לשלום ווייל מיין טייטע זאָל לעבען ווירד שוין מעהר נישט צו נעמען קיין בחורים צו לערנען, בעווייל עס איז שוין דאָ זעהר פיעל בחורים וועלכעס קענן שוין מעהר ניט אַריין אין דער שטוב, אויך דעם רב׳ס ווייב האָט זיך שטאַרק אָנגעבייזערט אויף איהם, נור ווייא דער רב האָט דערהערט דיא קולות איז ער אַהער געקומען צו זייא, האָט דער פּרינץ צו איהם געזאָגט, שלום עליך רבי ומורי! פריד צו דיר מיין רבי! ווייא דער רב האָט איהם ערזעהן האָט ער אויף איהם זעהר רחמנות געהאַט, אין האָט געזאָגט צו דיא ווייבער, פאַר וואָס שרייעט איהר אָב אַזוי איין אָרומאַן? לאָזט איהם אָב, ער האָט גענוג פיר זיך זיינע צרות, האָט זיך דיא טאָכטער אָנגערופען, דער בחור איז זעהר מאוס אין זיינע מלבושים בעווייזען וויא גרוים זיין אָרומקייט איז, און מיר האָבען נעניג צו ליידען פון צרות אין אָרומקייט פון דיא היגע בחורים ווילסט דוא נאָך גרעסער מאַכען דיא צרות מיט דעם דלות? האָט דער פאָטער דער רב זיא אָנגעשריגען זיא זאָל שוואַגען ביז ער ווירד ענדיגען זיין שיעור מיט דיא תלמידים, וויא דער רב האָט געענדיגט זיין לערנען האָט ער געפרעגט דעם בחור, פון וואַנען ביזט דו? האָט ער געענטוואָרט פון אווייט לאַנד בין איך אַהער געקומען לערנען, בעווייל איך האָב געהערט דאָס דיא ביזט אגרויסער חכם אין זעהר אַפרומער אין אַ גיטער מענש, האָט דער רב איהם געגעבען אַ כּתב צו איינעם פון דיא גבירים פון שטאָדט, כדי ער זאָל איהם מפרנס זיין בכבוד אַגאַנצען חודש, בעווייל ער איז דער דאָזער פון שטאָדט און ער האָט ביכולת צו טהון טובות יעדען תלמיד חכם וואָס קומט אַהער, דער גביר האָט איהם זעהר גוט אויף גענומען אין האָט איהם אָנגעגעבען אַ בעזונדער צימער ער זאָל דאָרט לערענן, ער האָט דאָרט אַריין געשטעלט אַבעט און אַטיש מיט ספרים ער זאָל האָבע

צו לערנען, אין דער גביר האט איהם געבענשט, דער בחור איז אַרײַן אין זיין צימער אין האט ניט אויף געהערט צו לערנען ביַיא טאג און ביַיא נאַכט האט ער געלערנט, אין דער גביר וועלכער איז געוועזען זעהר פערנומען אין זיינע געשעפטען, האט ער גאר פערגעססען אין דעם בחור, אין מען האט איהם נישט גערופען עססען, אין צווייטען טאג האט זיך דער בעל הבית דערמאַנט-דאס ער האט ביַיא זיך דעם בחור, איז ער זעהר ערשראָקען געוואָרען בעווייל עס איז געוועזען אַשרעקליכע קעלט אין דער שניי איז געפאַלען, האט זיך דער גביר צו געאיילט אין איז אַרויף צום בחור האט ער געזעהן וויא דער בחור זיצט אין לערנט, און פון זיין לערנען איז דיא שטוב פיעל געוואָרען מיט ליכט, אַזוי וויא דיא שכינה מאַכט אויף איהם גערוהט, האט דער בעל הבית איהם גערופען ער זאל געהן מיט איהם עססען, איז דער בחור נאך געגאַנגען און האט געגעססען און געטרינקען אין זיי זענען געוועזען פרעהליך, אין דריטען טאג איז דער גביר געגאַנגען מיט דעם בחור צום רב'ס ישיבה, אין האט דערציילט דעם רב וויא שטאַרק ער לערנט, און זיינע גיטע מעלות הן אין תורה הן אין דרך ארץ, אויך האט ער דערציילט דעם רב, אַז דער בחור האט נישט געוואָלט אַהער געהן אין די ישיבה אַרײַן, בעווייל דעם רב'ס ווייב און טאָכטער האבען איהם מבַייש געוועזען אין האבען איהם גערופען עני ואביון, מען דאַרף נישט משפטען קיין מענש לויט זיינע מלבושים, דער נאך האט מען גערופען דעם בחור וועלכער האָט בעוויזען גרויס חריפות, און בקיאות אין ש"ס און פוסקים, ער האט געזאָגט אַשאַרפען פלפול וואס אַזעלכעס איז נאך נישט געהערט געוואָרען, דער נאך האט דער רב פערלאַנגט ער זאל פערבלייבען ביַיא איהם, און ער ווירד ביַיא איהם עסען און אַצייט אַרום האט דער רב געזאָגט צום בחור עס איז נישט גוט אַמענש זאל לעבען איינזאַם, אויב דוא ווילסט וועל איך דיר געבען מיין טאָכטער פיר אַווייב, האט דער בחור נישט געוואָלט, און האט געזאָגט

אִיךְ האָב זעֶהר חשק צו לעֶרנעֶן, אִיךְ בִּין נאָךְ צו יונג צו נעֶמעֶן אַװײַב, אֵיינמאָל חמשה עשׂר בשבט, װעֶן דִיא בחורים פון דִיא ישיבה מאַכעֶן אַגרױסעֶ סעודה אִין טאַנצעֶן זעֶהר פִיעל, האָט דעֶם רב׳ס װײַב בּעֶמעֶרקט אַז דעֶר בּחור האָט זִיךְ זעֶהר פערקוקט אויף אִיהר טאָכטעֶר האָט זִיא עֶס דעֶרצײֵלט אִיהר מאַן דעֶם רב, און דעֶר רב האָט זִיךְ דאָס געֶנומעֶן אִין זִינן אַרײַן, װִיא עֶס אִיז פעֶראִיבּעֶר אַקורצעֶ צײַט האָט דעֶר רב אֵיינמאָל געֶזאָגט צו זײַן טאָכטעֶר געֶה אַרוּף אִין צִימעֶר װִיא דעֶר בּחור זִיצט און זאָלסט אִיהם אַראָב רופעֶן עֶסעֶן, װִיא זִיא אִיז אַרײַן געֶקומעֶן צום בּחור, האָט עֶר אִיהר אױסגעֶזאָגט זײַן גאַנץ הערץ, און האָט אִיהר געֶװִיזעֶן זײַנעֶ קײֵזעֶרלִיכעֶ מלבושים װאָס עֶר אִיז אָנגעֶטהוּעֶן אונטעֶר דעֶם צורִיסעֶנעֶם בּגד, און האָט אִיהר געֶגעֶבּעֶן טײַעֶרעֶ מתנות אִין פּעֶרִיל מִיט דִימאַנטעֶן, און האָט אִיהר דעֶרצײֵלט אַלעֶם װאָס האָט אִיהם פּאַסִיעֶרט, און דאָס אַלעֶם האָט עֶר געֶטהוּעֶן נור צולִיעֶב אִיהר, און אויךְ יעֶצט אִיז זײַן לִיעֶבּעֶ צו אִיהר זעֶהר גרױס, װִיא דעֶם רב׳ס טאָכטעֶר האָט דאָס דעֶרהעֶרט אִיז זִיא זעֶהר אִיבּעֶראַשט געֶװאָרעֶן, און האָט נעֶאַנטװאָרט, אִיךְ װעֶל אַלעֶם דעֶרצײֵלעֶן מײַן פּאָטעֶר זאָל לעֶבּעֶן, און אַזױ װִיא עֶר װִירד הײֵסעֶן זאָ װעֶל אִיךְ טהוּעֶן, אִיךְ װעֶל נִישט אַנדעֶרש מאַכעֶן. דעֶר רב האָט דאָס אַלעֶם געֶהעֶרט אונטעֶר דעֶר טהִיר. נאָךְ דעֶם מִיטאָג מאָהלצײַט האָט דעֶר רב געֶרופעֶן דעֶם בּחור און אִיז מִיט אִיהם אַרײַן אִין אַבּעֶזונדעֶרעֶ שטוּב און האָט פעֶרשלאָסעֶן דִיא טהִיר, און האָט אִיהם אָנגעֶהױבּעֶן צו פרעֶגעֶן, זאָג מִיר דעֶם אמת דו זאָלסט גאָר נִישט לײקעֶנעֶן, װִילסט דִיא טאַקעֶ מײַן טאָכטעֶר פאַר אַװײַב, אֶפשר װִילסט דו בּעֶסעֶר דעֶם גבִיר׳ס טאָכטעֶר װאָס דו בִּיזט בּײַא אִיהם געֶװעֶן, דעֶן אִיךְ האָב געֶװאָר געֶװאָרעֶן, אז עֶר װִיל דִיךְ זעֶהר און עֶר אִיז דאָךְ זעֶהר רײַךְ, האָט דעֶר בּחור געֶעֶנטװעֶרט, עֶס קעֶנן דאָךְ מִיךְ דאָ קײֵנעֶר נִישט, אִין אִיךְ בִּין װִיא אַפרעֶמדעֶר פאַר װאָס װִיל מעֶן זִיךְ מִיט מִיר מְשַׁדֵךְ זײַן האָט

דעֶר רב געֶענטוועֶרט דיַין תּוֹרה איִז מיִר מעֶהר ווערטה וויִא טויזענדער רוּבּלים מעֶגסט דוּא זיַין וועֶר דוּא בּיִזט איִך קויף נאָר דיַין תּוֹרה, ע"כ אויב דוּא וויִלסט בּאֶמת מיַין טאָכטעֶר, בּיִן איִך זעֶהר צוּפריִעדעֶן אוּן איִך בּעֶנש דיִך דאָס גאָט זאָל דיַין נאָמעֶן גרוֹיס מאַכעֶן, האָט זיִך דעֶר בּחוּר שוֹין מעֶר ניִשט געֶקעֶנט אַיינהאַלטעֶן, אוּן האָט אַרוֹיס געֶנוּמעֶן דאָס נאָטיִץ בּיִכעֶל אוּן געֶזאָגט צוּם רב עֶרקעֶנן דאָ דיַין אֵייגעֶנעֶ חֲתִימָה, האָט דעֶר רב עֶרקעֶנט זיַין חתימה איִן געֶקוּשט איִן געֶהאַלזט דעֶם בּחוּר איִן געֶזאָגט צוּ איִהם, בּיִזט דוּא דאָס אוּנזעֶר העֶרר אוּנזעֶר פּריִנץ? דעֶר רב האָט בּאַלד עֶרקעֶנט איִן זיַין הַדְרַת פּנים דאָס עֶר איִז מזֶרַע המלוּכה, איִן דעֶר פּריִנץ האָט איִהם עֶרצֵיילט דאָס עֶר איִז שוֹין אַ יוּד איִן האָט פּעֶרלאַנגט פוּן רב עֶר זאָל איִהם נאָכאַמאָל צוּ שוועֶרעֶן דאָס עֶר וויִרד דאָס ניִשט קיֵינעֶם עֶרצֵיילעֶן, דעֶרנאָך האָבּעֶן זיֵיא געֶשריִבּעֶן דיִא תּנאים, אוּן דעֶר חָתָן האָט אוֹיסגעֶשריִגעֶן מיִט אַהוֹיך קוֹל אוּן מיִט גרוֹיס פרייד, „בסימן טוֹב וּבמזל טוֹב" אוּן האָט געֶשעֶנקט דיִא כּלה פיִעל מתּנוֹת ווייַל עֶר האָט געֶהאַט אַגרוֹיס רייַכטהוּם מיִט פיִעל דיִאַמאַנטעֶן, דיִא שׂמחה איִז געֶוועֶן זעֶהר גרוֹיס, עֶס האָט געֶקליִנגעֶן איִן דיִא גאַנצעֶ שטאָדט אוּן פוּן קליַין בּיִז גרוֹיס האָבּעֶן זיִך מיִט געֶפרייַט, בּיִז דיִא קיַיזעֶרעֶן האָט אוֹיך געֶהעֶרט פוּן דיִא שׂמחה, האָט זיִא געֶשיִקט זאָגעֶן דעֶם רב דאָס זיִא וויִל אוֹיך קוּמעֶן אוֹיף דעֶר חתוּנה, איִז דעֶר רב מיִט דעֶם חתן זעֶהר עֶרשראָקעֶן געֶוואָרעֶן איִן אַלעֶ עבריִם האָבּעֶן אָנגעֶהוֹיבּעֶן בּיַיא זיֵיא צוּ ציִטעֶרעֶן זיֵיא האָבּעֶן ניִער תּענית געֶוועֶזעֶן איִן האָבּעֶ געֶבּעֶטעֶן צוּ גאָט, אוֹיך האָבּעֶן זיֵיא צוּטהַיילט פיִעל צדקה, איִן בּעת דאָס קהל האָט זיִך נעֶפּ־עֶנט, פאַר וואָס מעֶן איִז גוֹזר תּענית? האָט זיִך דעֶר רב פעֶרענטוועֶרט, בּעֶט'ס פאַר דעֶם זווּג עֶס זאָל קיַין עין הרע ניִשט שׁילט זיַין האָט דעֶר גאַנצעֶר עוֹלם געֶפאַסט איִן געֶבּעֶטעֶן, איִן השי"ת האָט געֶהאָלפעֶן דאָס זייַעֶר שׂמחה איִז ניִשט פעֶרשטעֶרט געֶוואָרעֶן, אוּן בּעת דיִא

מלכה מיט אַלע שׂרים זענען געקומען צו דיא חופה האָבען זייא נישט ערקענט דעם חתן, און האָבען זיך זעהר פער־וואונדערט אויף דעם זעלטען שיינעם חתן, און דיא קייזערען האָט געשיקט צום חתן אַוואָגען מיט פיעל עופות מיט פערשיעדענע מתנות לכבוד חתן וכלה האָבען זיך אַלע געפרעהט דיא גאַנצע שִבְעַת ימי המשתה, אין דער רב מיט זיין חתן האָבען געלייבט גאָט אויף דעם נס וואָס ער האָט זייא געטהוען, איז אַדורך געגאַנגען דיא חתונה טעג דיא פרעהליכע טעג, האָט דעם רב׳ס איידים געעפענט בייא זיך אַגרויסע ישיבה עס האָבען זיך דאָרט פערזאַמעלט זעהר פיעל לומדים און חכמים אין מען האָט דאָרט זעהר פיעל געלערנט, און דיא ישיבה איז אַזוי געשטאַנען דרייא יאָהר, און דעם איידעם איז געוואַקסען אַגרויסע באָרד אַזוי וויא איינעם פון דיא אַלטע רבנים האָט זיך דער רב זעהר געפרעהט ווייל ער האָט גערעכענט דאָס יעצט ווירד מען דעם איידעם שוין געוויס נישט ערקענען ווער ער איז.

אין אַצייט אַרום האָט דער גאַנצער עולם מְכַבֵּד געווען דעם רב׳ס איידים ער זאָל דאַווענען מוסף אין דיא ימים נוראים פאַרן עמוד בעווייל ער האָט געהאַט זעהר אַשעהן קול, און האָט געקענט זעהר שעהן זינגען, און כדי זיך פאָרצו־בּרייטען איז ער געגאַנגען ערב ראש השנה אין בית המרחץ אַריין לכבוד יו״ט, אין דאָרט איז געווען איין אַלטע פרוי זעהר אַשלעכטע וואָס פלעגט איין און אויס געהן אין בית המרחץ. האָט דיא אַלטע פרוי געזעהן דורך דעם פענסטער וויא דעם רב׳ס איידים זיצט נאַקעט אין בית המרחץ און האָט דערזעהן אַוואָרצעל צווישען זיינע אַקסלען. האָט זיא איהם דערקענט דאָס ער איז דער פרינץ, בעווייל זיא איז יונגערהייט געווען און קייזערליכען הויף אין ערצויגען זיינע קינדער, איז זיא בּאַלד געגאַנגען אין קייזערליכען הויף אַריין דאָס מודיע זיין האָבען דיא היטער פון קייזערליכען הויף זיא נישט אַריין געלאָזט אין האָבען איהר אָפּגעשריגען אין געזאָגט, וואָס האָסט דוא

פאַר מיט דיא מלכה, געה פון דאַנן, זיא האָט אָבער זייא שטאַרק אָנגעהאַלטען ביז זייא האָבען איהר ערלויבט אַריין צו געהן צו דיא קייזערין, איז זיא געפאַלען דיא קייזערין צו דיא פיס אין געזאָגט עס זאָלען אלע מענשען אַרויס געהן פון שטוב, ווייל איך האָב צו דיר אַסוד, וויא אללע זענען אַרויס, האָט דיא פערשאָלטענע פרוי געזאָגט דו זאָלסט וויסען אַז דיין זוהן לעבט נאָך אונ ער איז אַרב איבער יודען, האָט דיא מלכה געשיקט נאָך איהר יועץ און האָט איהם ערציילט אַללעס וואָס דיא פרוי האָט איהר געזאָגט אַז זיא האָט געזעהן ביי איהם אַגוטען סימן אויף דעם אַקסעל, עס איז גאַנץ ריכטיג דאָס ער איז מיין זוהן בעוויייל איך האָב געזעהן זיין שעהנהייט בעת איך בין געוועזן אויף זיין חתונה, האָט דער יועץ איהר געענטוועָרט אייל זיך נישט צו משפּט'ן, מיר וועלען וואַרטען ביז עס ווירד זיין זייער יום הכפּורים וואָס דענסמאָל זאַמלען זיך אַללע יודען איין אין דיא שוהל וועל איך איהם פון דאָרטען אַרוים נעמען אין מען ווירד הערין וואָס ער ווירד זאָגען, וויא עס איז געוואָרען דער טאָג יום הכפּור איז דיא מלכה מיט אַללע גרויסע לייט מיט פיער מיליטער אַריין געקומען אין שוהל אַריין מיט בלאַנקע שווערדען אין זייערע הענד אין מען האָט אויסגערופען אין נאָמען פון דער מלכה מיט איהרע שׂרים, עס זאָל קיינער זיך נישט ריהרען פון זיין אָרט, אָהנע ערלויבניש אין דער גאַנצער עולם איז פערביי געגאַנגען פיר דיא שׂרים מיט דיא אַלטע פרוי וואָס איז אויך געוועזן מיט זייא, זענען אַללע געשטאַנען ביי דיא טהיר, אין אויף יעדען בעזונדער האָט מען געפרעגט דיא אַלטע פיללייכט איז דער דער פּרינץ? אין זיא האָט אַללעם געענטוועָרט „נישט דער" „נישט דער" אין דער גאַנצער עולם איז געוואָרען צומישט דען זייא האָבען נישט פערשטאַנען וואָס דאָס איז ביז דעם רב'ס אֵיידעם איז אַרויסגעגאַנגען האָט זיא געזאָגט „דער איז עס", האָט גאַנץ קהל אָנגעהויבען זעהר צו ציטערן, נאָר דער רב'ס אֵיידעם האָט זייא געטרייסט, האָט קיין מורא נישט איך וועל אייך נִיט אַריין ברענגען אין געפאַהר,

אַכַּפָּרָה אַיָחִיד פִיר אַרַבִּים, דעֶרוויַיל האָבעֶן זייא איִהם געֶנוּמעֶן אין קייזעֶרליִכעֶן הויף אַריַין אין דיִא מלכּה האָט אָנגעֶהויבעֶן צוּ וויינעֶן איִן זיך בּעֶטעָן בּיַיא איִהם מיַין טהיַיעֶרעֶר זוהן ? וויִפיִעל יאָהרעֶן האָב איך אויף דיִר געֶוויינט בּיִז איך האָב דיך געֶפוּנעֶן אַזוֹי מִבוּזֶה, נאָך וואָס האָסט דוּא דיך מְגַיֵר געֶוועֶן ? האָט עֶר געֶענטוועֶרט דיִא קייזעֶריִן זאָל לאַנג רעֶבּעֶן ! . איך בּיִן געֶבּאָרעֶן געֶוואָרעֶן אַיוּד און דעֶרוואַקסעֶן געֶוואָרעֶן אַיוּד און אַיוּד וועֶל איך שטאַרבּעֶן , האָט דיִא מלכּה געֶזאָגט, זייַא מוֹדה אַז דיִא בּיִסט מיַין זוהן אויבּ דיִא וויִלסט זיַין אַיוּד קעֶנסט דיִא זיַין, אויך אַללעֶ שׂרים האָבּעֶן דאָס פעֶרלאַנגט פוּן איִהם, אָבּעֶר עֶר האָט זיך געֶהאַלטעֶן בּיַיא איינס דאָס זיַין פאָטעֶר און מוּטעֶר זעֶנעֶן געֶוועֶן יוּדעֶן, האָבּעֶן זיי איִהם געֶזאָגט זיַין שעֶהנהייט בּעֶווייַזט דאָס דיִא בּיִזט אַקייזעֶרליִכעֶר זוּהן , האָט עֶר געֶ= עֶנטוועֶרט וויִפיִעל יוּדעֶן גיִבּט שעֶהנעֶ. וועֶלכעֶ לייכטעֶן וויִא דיִא שטעֶרן , און געֶהט פרעֶגט דעֶם מייסטעֶר וואָס האָט מיך אַזוֹי בּעֶשאַפעֶן, אָבּעֶר דיא מלכּה האָט זיך געֶהאַלטעֶן בּיַיא איִהר דֵעָה איִן האָט איִהם חוֹקֵר ודוֹרֵשׁ געֶוועֶן , אָבּעֶר עֶר האָט איִהר געֶענטוועֶרט , מאַכט דעֶן פיִר מיִר ניִשט בּעֶסעֶר געֶוועֶן צוּ זיַין אַמלך וויִא צוּ זיַין אַפעֶרשָׁפֶּלְטעֶר יוּד , איִן פאַר וואָס רעֶדסט דיא אַזעֶלכעֶ נאַריִשקייטיִן דאָס איך בּיִן דיַין זוהן, אָבּעֶר דיִא מלכּה האָט איִהם ניִשט געֶגלויבּט, איִן האָט איִהם געֶהייסעֶן אייַנזעֶצעֶן איִן תּפיסה אריַין דאָרטעֶן וויִא עֶס וועֶרעֶן אַרעֶסטיִערט אַללעֶ גרויסעֶ לייַט, בּיִז מעֶן וויִרד דיִא זאַך גיִט נאָכפאָרשיִן , מעֶן האָט איִהם דאָרטעֶן געֶגעֶבּעֶן נאָר טרוּקעֶן בּרוֹיט מיִט וואַסעֶר כּדי איִהם צוּ פּייַניִגעֶן עֶר זאָל מוּזעֶן מוֹדה זיַין, אָבּעֶר עֶר האָט זיך געֶהאַלטעֶן פעֶסט בּיַיא דאָס זייַניִגעֶ, און מעֶן האָט אַריַין געֶזעֶצט נעֶבּיִן איִהם נאָך אַקליִגעֶן מעֶנש וועֶלכעֶר האָט זיך פעֶרשטעֶלט פיִר אַ רעֶסטאַנט כּדי עֶר זאָל קעֶנעֶן פוּן איִהם דעֶרגעֶהן אויבּ עֶר איִז אַיוּד פוּן געֶבּאָרעֶנהייט, דעֶר חָכָם האָט אָנגעֶהויבּעֶן מיִט איִהם צוּ רייִדיִן איִן גיִטעֶן, איִהם צוּ איִבּעֶררייִדיִן עֶר זאָל מוֹדה זיַין אָבּעֶר עֶר האַלט זיך

בּיַים וואָרט וויא צו ערשט, אין אַלע שרים זענען געשטאַנען פון דרויסען צו הערין וואָס ער ווירד זאָגען, אָבער ער האָט נישט מודה געווען נאָר געטענהט, וויא קענן דאָס זיין דאָס איך בּין דער בן המלך? וויא אַזוי האָב איך מיך געקענט אויס לערנען אַזוי פיעל תורה אין אַזוי אַקורצע צייט וואָס דער בן המלך איז פערלאָרען געוואָרען? אויב איך בין נישט קיין יוד אין האָב נישט געלערנט פון קינדוויַיז אָן? פון דעם בן המלך איז דאָך נאָר פינף יאָהר זינד ער איז פערלאָרען געוואָרען? אין זיינע רייד זענען אַריין אין דעם חכם׳ס אויערען, אין דער חכם האָט געזאָגט צו דיא שרים, לויט מיין דעה איז ער נישט קיין פרינץ נאָר ער איז געבּאָרען געוואָרען אַיוד אָבער דיא שרים האָט זיך פרגלוסט איהם צו משפט׳ן טויט שטראָף, דעריבער האָבען זייא איבערגערעדט דעם חכם ער זאָל זאָגען דאָס ער האָט פיר איהם מודה געווען אַז ער איז טאַקע דער בן המלך און האָט אויס געלאַכט אללע שׂרי המלוכה אויך האָט געשפּעט פון דיא קרוין אין געזאָגט דאָס ער ווירד אייביג בּלייבין אַיוד, לויט דיא רייד האָבען זיך פערזאַמעלט דיא יועצים אין האָבען פערמשפּט דעם אַרעסטיערטין צו הרגענען בּעוויַיל ער האָט מורד בּמלכות געווען זאָל מען איהם פערבּרענען לעבּעדיגערהייט, וויא דיא מלכּה האָט דאָס ערהערט האָט זיא בּיטערליך געוויינט, וויַיל זיא האָט געהאַט גרויס רחמנות אויף איהר זוהן, אָבער זיא האָט גאָר נישט געקענט העלפען, דיא יועצים האָבען אָנגעגרייט אויף דעם זעלבען טאָג פיעל מוזיקען מיט פּאַקען און טרומייטען מען זאָל שפּיעלען כּדי דיא קייזערין זאָל נישט הערין דיא געשרייען פון איהר זוהן וועלכער האָט געשריגען מיט אַהויך קול „דאָס גאַנצע משפּט איז פאַלש" אין ער האָט קיינמאָל נישט מודה געווען אַז ער איז אַפרינץ אין נישט קיין יוד, אָבער זיין געשריַי האָט גאָר נישט געפּועלט אין ער איז פערבּרענט געוואָרען לעבּעדיגער הייט על קדושת השם בּקדושה ובטהרה. האָט דיא מלכּה זיך בּעטראַכט דאָס אַללעס איז דאָך איבער דיא יודען, דערום וועל איך מיך אין זייא נוקם

זײַן פיר מײַן זוהן, האָט זיא בײַא זיך אָנגעפּאַסט אוים צו הרגענען אַללע יודען וואָס געפונען זיך אין איהר קעניגרײַך אין דרײַא טאָג אין האָט געזאָגט דאָס זיא זעלבסט ווירד צום ערשטען הרגענען דעם רב, אָבער השי"ת וואָס איז איין אויסלײַזער אין אַ באַשערמער האָט פערשטערט איהר עצה אין פערמישט איהרע געדאַנקען, און בײַא נאַכט אין חלום איז צו איהר געקומען דער קדוש וואָס איז פערברענט געוואָרען מיט נאָך צווײַא מלאָכים וואָס האָבען אויסגעזעהן וויא איין אַלטער אין אַ אַלטע. אין אויבוואָהל אין איהר שלאָפצימער האַט נישט מעהר געברענט וויא איין ליכט עס זאָל נישט זײַן אַזוי פינסטער, האָט זיך איהר געדאַכט אַז טויזענדער ליכט געפונען זיך דאָרט, אין דיא נשמה איז איהר כמעט אויסגעגאַנגען פון פיעל וואונדערונג, האָט דער וואָס איז פערברענט געוואָרען צו איהר געזאָגט דוא האָסט פערגאָסען אונשולדיג בלוט, אין דיא אַללע ליכט וואָס דוא זעהסט דאָ זענען נשמות וואָס האָבען געקענט פון מיר ארוים קומען, יעצט אויב דיא ווירסט אויפיהרען דײַן געדאַנק אויסצוהרגענען דיא יודען וועלען מיר מאַכען אין דײַן מלוכה גרויסע נקמות, אויבוואָל מיר ווייסען דאָס דוא האָסט מיך נישט געוואָלט הרגענען, נאָר דײַנע יועצים האָבען פאַלש געמשפט, דערום זאָלסט דוא דיך גוט היטען, און זאַלסט נישט טהוען קײַן שלעכט'ס קײַן שום יודן אויב דוא ווירסט מיך נישט צו הערען אונד ווירסט אַנדעריש טהוען, ווירד אַפּײַער קומען אויף דיר און דײַן גאַנצע מלוכה. דיא קײַזערען האָט צו געזאָגט אַז זיא וועט מבטל זײַן דיא גזרה. וויא עס איז טאָג געוואָרען האָט איהר דאָס האַרץ געקלאַפּט האָט זיא זיך דערמײַנט דעם חלום און האָט מבטל געוועזן דיא גזרה פון הרגענען, נאָר זיא האָט געהייסען אַרוים טרײַבען אַלע יודען אין, אַקורצע צײַט, נאָר זײַא מעגען זיך מיט נעמען זײַער גאַנץ פערמעגען אָבער קײַן שום יוד טאָר מעהר נישט וואָנען אין דיא מדינה טירנא, און ווער עס ווירד יאָ וואָהנען אין טירנא אָהנע ערלויבניש פון קײַזערן קומט איהם צו הרגענען

און מוז בעצאָלען פיעל קנס אין ביז היינט איז נאָך דיא גזרה. דער זכות פון דעם קדוש וואָס איז פערברענט געוואָרען זאָל אונז און אונזערע קינדער ביא שטעהען ביז עוויג.

## .2

אַמעשה מיט אַרב פון דיא גרויסע שטאָדט קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועלכער איז געוועזען אַרייכער אין אַגרויסער ס״חר, תורה מיט עשירות אויף איין אָרט, ער האָט געהאַט אַ איינציגען זוהן אַשעהנער בחור, אַמענש מיט גיטע מדות אין שאַרפען שכל, אָבער ער האָט שטאַרק חשק געהאַט זיך צו חבר׳ן מיט נאָך בחורים פון זיין גלייכען, וויַל ער האָט זייא פערעכענט פיר זיינע גוטע פריינד, מעהרסטען צייט האָט ער פערברענגט מיט זייא, אין האָט זיך פיעל געלאָזט קאָסטען אויף בעלער מיט פערשיעדנע הולטייסטוועס און דאָס גלייכען, וויַל ער האָט זייא זעהר ליעב געהאַט, זיין פאָטער האָט געהאַט גרויס עגמת נפש דערפון און האָט איהם שטענדיג געמוסר׳ט אָבער עס האָט נישט געפּועלט בעוויַל ער האָט ניט געפאָלגט, אויך דיא מוטער האָט ביי איהם געהאַלטען בעוויַל ער איז געווען איהר בן יחיד, וויא דער פאָטער האָט איהם טאָג טעגליך געזאָגט און ער האָט אַלעס נישט געפאָלגט האָט דער פאָטער צו איהם געזאָגט מיין איינציגער זוהן, איך בעשווער דיך דוא זאָלסט מיר זאָגען וויפיעל גוטע פריינד האָסט דוא דאָס אַזוי, וואָס דוא פערבראַכסט אַזוי פיעל צייט מיט זייא און פערליערסט אַזוי פיעל געלד פאַר זייא? האָט דער זוהן געאַנטוואָרט, פריינד האָב איך זעהר פיעל, אמתע גוטע פריינד וואָס איך בין אָנגעבונדען אין זייא האָב איך לכל הפּחות הונדערט, וואָס זענען ביא מיר בעסער וויא ברודער וואָס מעכטען זייער נשמה געגעבען פאַר מיר. האָט דער פאָטער געזאָגט, איך שווער דיר, דאָס איך קען דאָס נישט פערשטעהן, איך

בִּין דאָךְ שׁוֹין אַמענש אויף דער עלטער געלויבט השי"ת וואָס האָט מִיר געגעבען רייַכקייט אִין כבוד און פערשיעדענע געשעפטען וועלכעס איך בִּין בעוואוסט אויף דער וועלט פון דעסטוועגען האָב איך נאָך נִישט דִיא זְכִיָה געהאַט צו האָבען אֶמתע גִיטע פריַינד מער וויא אַנדערהאַלבען, אִין וויא אַזוי קענסט דִיא זאָגען לויט דייַן יוגענד אַז דוא האָסט הונדערט אֶמתע גוטע פריַינד? האָט דער זוהן געזאָגט דוא מעגסט מִיר זִיכער גלויבען אַז אַזוי וויא איך האָב געזאָגט אַזוי אִיז, האָט דער פאָטער געזאָגט אויב עס אִיז יאָ אַזוי וויא דוא זאָגסט פאָלג מִיךְ און מאַכען אַפּראָבע צו ערקענען זייער לִיעבשאַפט צו דִיר, האָט דער זוהן געענטווערט. אֲדוֹנִי אָבִי! זאָג מִיר מִיט וואָס איך זאָל זייא פּרובען וועל איך זייא פּרובען האָט דער פאָטער געזאָגט מייַן עֵצה אִיז אַזוי דוא זאָלסט נעמִין אַשעפּסִיל אִין שחטען אִין דעם קאָפּ זאָלסט דוא אַראָב שנייַדען ווען ער אִיז נאָךְ אַיין גערעכט מִיט בלוט און זאָלסט אִיהם אַיינוויקלען אִין אַטִיכעל אִין אַריַין לעגען אִין אַזאַק און זאָלסט אִיהם בעהאַלטען אונטער דייַנע מלבושים און זאָלסט אויף שטיין פִיער אָדער פִינף פּאַרטאָג אִין געהן צו דייַן געלִיעבסטען בעֵת אַלע מענשען שלאָפען און זאָלסט אָנקלאַפּען בייַ אִיהם, אִין אַז מען וועט דִיר עפענען זאָלסט דוא אָנשטעלען אַטרויערִיג פָּנים, אַזוי וויא דוא מעכסט זעהר זִיךְ געשראָקען, און אַז מען ווירד דִיךְ פרעגען וואָס געסט דוא אַזוי שפּעט אַרום אִין דִיא גאַסען? זאָלסט דוא אֶנטוואָרטען זעהר ערנסט אַזוי, עס אִיז יעצט נִישט קיין צייַט פִיעל צו רייַדען בעווייַל עס האָט מִיר פּאַסִיערט אַזוֹ אַגעשִיכטע, איך בִּין געוועזען צו זאַמען מִיט אַגאַנצע חברה אִיז דאָרט געוועזען אַיין גוֹי וואָס האָט מִיר שטאַרק אַקעגען גערעדט בִּין איך אויף אִיהם זעהר בייז געוואָרען, אִין בִּין אויף געשטאַנען אִין אִיהם דערהאַרגעט, און כדי מען זאָל אִיהם נִישט געפִינען אִין דערקענען, האָב איך אַפּגעשנִיטען זייַן קאָפּ אִין אָט האָב איך אִיהם אִין זאַק, יעצט האָב איך מִיךְ מְיַשֵׁב געוועזען (מייַן כעס אִיז געשטִילט געוואָרען) אַז איך בִּין אִין אַגרוֹים

גְעפֿאַהר. בִּין אִיךְ אַנטלאָפֿען אִין אַהער גְעקוּמען צוּ דִיר מַיין טהַייערער פֿרַיינד, זִיךְ בַּייא דִיר בְּעהאַלטען אִיךְ זאָל מִיךְ קענען רעטען, אִיךְ בִּין נִישט אַהיים גְעגאַנגען בְּעוויַיל אִיךְ האָב נִישט גְעוואָלט מְצַער זַיין דעם טאַטען, און אוֹיךְ מען קען אוֹיף מִיר מַסֵר'ן אִין מען וועט מִיךְ זִיכען אִין דער היים, דעריִבער מַיין לִיעבער פֿרַיינד פֿערזִיכער אִיךְ מִיךְ און אונזער לִיעבשאַפֿט. אַז דוּא וועסט מִיךְ אַריַין לאָזען אִין דַיין שטוּב בְּעוויַיל עס אִיז יעצט אַ עֵת צרה אִין אַפֿריַינד ערקענט מען נאָר אִין אַ עֵת צרה.

און אִין דעם וועל אִיךְ ערקענען ווִיא גרוֹים אונזער לִיעבשאַפֿט אִיז, אִין ווִיא ווַייט דַיין געטרַיישאַפֿט אִיז, און אַזוֹי ווִיא ער ווִירד דִיר אַנטוואָרטען ווִירדסט דוּא שוֹין פֿערשטיין ווִיא ווַייט זַיין לִיעבשאַפֿט אִיז, ווען עס אִיז אַמתע לִיעבע, ער מֵיינט נִישט דער מִיט זַיין הנאה, ווִירד ער דִיךְ געווִיס אַריַין נעמען און ווִירד זִיךְ אוֹיךְ אַיין שטעלען צוּ לִיעב דִיר, מֵיינט ער אָבער דערבַּיי נאָר זַיין הנאה בְּעוויַיל דוּא גִיבּסט אִיהם ווִירד ער דִיךְ גאָר נִישט הערען און ווִירד דִיךְ אַרוֹים וואַרפֿען, האָט דער זוּהן אִיהם געענטווערט אִיךְ וועל אַזוֹי מאַכען, ווִיא ס'אִיז נאַכט געוואָרען האָט ער גְעשָׁחְטען אַשעָפּסִיל און האָט אָפגעשנִיטען דעם קאָפּ, אַיין גְעשמִירט מִיט בְּלוּט אִין האָט אִיהם אַיינגעווִיקעלט אִין אַטִיכעל אִין אַריַינגעלייגט אִין אַזאַק, אִיז ער אוֹיף גְעשטאַנען אִין גְעגאַנגען צוּ זַיין גוּטען פֿריַינד, אִין האָט אַל'ס גְעמאַכט ווִיא זַיין פֿאָטער האָט אִיהם גְעזאָגט האָט אָנגעקלאַפּט בַּייא דִיא טהִיר בְּעֵת אַלע זענען גְעשלאָפֿען, ווִיא ער האָט גְעקלאַפּט אִיז דאָס מְשָׁרֵת אוֹיף גְעשטאַנען אִין אַרוֹים גְעקוּקט פֿוּן פֿענסטער צוּ זעהן ווער עס קלאַפּט אַזוֹי אִין מִיטען דער נאַכט, האָט זִיא גְעזעהן אִיהר הערר'ס גְעלִיעבטער דעם רב'ס זוּהן, אִיז זִיא גְעלאָפֿען צוּ אִיהר הערר אִין גְעזאָגט שטעה אוֹיף גְעשווִינד, דען דַיין גְעלִיעבסטער דעם רָב'ס זוּהן קלאַפּט אַזוֹי שרעקלִיךְ בַּייא דִיא טהִיר, אִיז ער תֵּיכֶף ערצִיטערט גְעוואָרען און אִיז אוֹיף גְעשטאַנען אִין העמד און אַרוֹים גְעקוּקט דוּרךְ דעם פֿענסטער אִין האָט אִיהם דערזעהן, אִיז ער אַראָב אִיהם עפֿנען אִין

הָאט אִיהם תֵּיכֶף גֶעפְּרֶעגְט וואָס דָאס אִיז וואָס עֶר אִיז יֶעצְט גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר אִיהם דֶערְצֵיילְט דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר קוּמְט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען בַּיא אִיהם עֶר זָאל קֶענֶען נִיצְל ווערֶען, ווִיא יֶענֶער הָאט דָאס דֶערְהֶערְט אִין וואָס פַאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אִיז עֶר יֶעצְט, הָאט עֶר אִיהם גֶעעֶנְטְווערְט אֶמֶת טַאקֶע אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֶעהר לִיעבּ דוּא בִּיסְט בַּיא מִיר טְהַייֶערֶער ווִיא אַבְּרִידֶער אָבֶּער דָאס מוּזְט דוּא מִיר מוֹחֵל זַיין אִיךְ קֶען דִיר דָאס נִישְׁט טְהוּן, דֶען אוֹיבּ מֶען ווִירְד גֶעוואָר ווערֶען אַז דוּא הָאסְט דִיךְ בַּיי מִיר בֶּעהַאלְטֶען בִּין אִיךְ דָאךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע פֶערְלָארֶען, אִין אוֹיסֶער דֶעם וואָס דוּא ווִירְסְט פֶערְלַאנְגֶען ווֶעל אִיךְ דִיר טְהוּן, דֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען בַּיא אִיהם צוּ בֶּעטֶען נָאךְ אַמָאל אִין נָאךְ אַמָאל עֶר זָאל אוֹיף אִיהם רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אִין אִיהם אַרוֹיס רַאטֶעווען, אָבֶּער עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוואָלְט בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט פוּן אִיהם אַוועֶק גֵיין, אִיז עָר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַצְווייטֶען עֶר זָאל אִיהם דָאס טְהוּן, אוֹיךְ דֶער צְווייטֶער הָאט אִיהם אַזוֹי גֶעעֶנְטְווערְט, אִין הָאט אִיהם נִישְׁט אַרַיין גֶעלָאזְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דְרִיטֶען אִין צוּם פִירְטֶען אוּן הָאט אַלֶעם גֶעטְהוּן ווִיא דֶער פָאטֶער הָאט אִיהם גֶעהֵייסֶען אִין הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפִינֶען עֶר זָאל אִיהם אַרוֹיס רַאטֶעווען אִין אַצָרָה, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין מִיעד גֶעווארִין דִיא נַאכְט, אִין דִיא צְווייטֶע נַאכְט אִיז עֶר ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ אַנְדֶערֶע גוּטֶע פְרַיינְד אִין הָאט אַלֶעם נִישְׁט גֶעפִינֶען קֵיין אֶמֶתֶע, בִּיז עֶר אִיז גֶעווען בַּיי אַלֶע אִין הָאט גֶעזֶעהֶן אַז אַלֶע זֶענֶען פַאלְשׁ, אִיז עֶר צוּרִיק צוּ זַיין פָאטֶער, אוּן הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, יֶעצְט זֶעה אִיךְ ווִי דוּא בִּיזְט גֶערֶעכְט, אוּן הַלְוַאי מֶעכְט אִיךְ דִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעווען גֶעהָארְכְט אוּן מֶעכְט נִיט פֶערְלָארֶען אַזוֹי פִיעל צַייט, אִין גֶעלְד, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין חֲרָטָה אוֹיף דֶעם וואָס כ'הָאבּ גֶעטְהוּן אוּן יוֶעל שׁוֹין מֶער נִישְׁט טְהוּן אַזוֹי אֶנַארִישְׁקֵייט צוּ פֶערְגִינֶענֶען אַזֶעלְכֶע פַאלְשֶׁע מֶענְשֶׁען, נָאר אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאלְסְט טְהוּעֶן מַיין פֶערְלַאנְג אִין מִיר זָאגֶען ווער דַיין פְרַיינְד אִיז, ווֶעל אִיךְ אִיהם פְּרוּבֶען אוּן

זעהן אויב ער ווירד יאָ עומד בְּנִסָיון זיין, האָט דער פאָטער איהם געאָנטווערט, מיין זוהן דיין בקשה קען איך נישט ערפילען ווייל מיין גאַנצער פריינד איז נישט היער ער וואָנט אין אַוויטע שטאָדט נאָר מיין האַלבער פריינד איז דער וואָס וואָהנט אויף דעם אין דעם אָרט, קענסט דוא געהן אין פּרובען ביא איהם, און דעם רב׳ס זוהן האָט זיך געאיילט צו געהן זעהן אויב ער ווירד יאָ עומד בְּנִסָיון זיין, ער איז אויף געשטאַנען אין מיטען דער נאַכט מיט דעם קאָפּ אַיינגעפּאַקט אין זאַק, און ער איז געגאַנגען אין געקלאַפּט אויף דיא טהיר, האָט יענער אַרויס געקוקט פון פענסטער און געזעהן וויא זיין גוטען פריינד׳ס זוהן שטעהט איז ער אַראָב געגאַנגען אין געעפענט אין האָט איהם געפרעגט וואָס ביסטו עפּיס יעצט אַהער געקומען האָט ער געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, וואָס זאָל איך מיך פערענפערן עס האָט זיך מיר אַזעלכעס און אַזעלכעס געטראָפען, ער האָט איהם דערציילט דיא גאַנצע מעשה און האָט איהם געוויזען דעם זאַק מיט דעם קאָפּ האָט דער פריינד געענטווערט מיין קינד דוא האָסט דיך זעהר בענאַרישט צו טהון אַזעלכעס, דען עס איז באמת אַגרויס געפאַהר פיר דיר און פאַר יעדען וואָס וועט דיך אַריין נעמען און זיין הויז צו בעהאַלטען דיך, ווען עס מעכט אַ אַנדערין אַזעלכעס פּאַסירט וואָלט איך איהם געוויס נישט אַריינגענומען איך מיט מיין הויז זאָל בלייבען אין אַזאַ געפאַהר אַזוי וויא אונזערע חכמים ז״ל האָבען געזאָגט „חייך קודמין לחיי חברך״. נאָר וואָס זאָל איך טהון אַז דוא ביסט מיין געליעבסטען פריינד׳ס אַזוהן דערום נעם איך דיך אַריין און וועל דיך בעהאַלטען ביז דיא זאַך וועט שטילער ווערין, איך וועל טהון אַלעס וואָס וועט נור מעגליך זיין דיך אַרויס צו ראַטעווען פון דיא צָרָה, ע״כ קום אַריין אין מיין שטוב מיט גאָטס הילף אין וואָס איז געוועזען איז שוין געוועזען, און דער זכות פון דיין פּאָטער ווירד דיר ביי שטיין דוא זאָלסט ניצל ווערען פון דיינע שונאים, נאָר זאָלסט געדענקען פון הַיינט אָן איינצוהאַלטען דיין כעס און זאָלסט דיך שוין מער נישט מִתְחַבֵּר

זײַן מיט קײַן שלעכטע הברים וואָס זייא ברענגען צו אַללעס שלעכטס. אין עס פּאַסט גאָר נישט פאַר דײַן כבוד אין פאַר דײַן פאַמיליע האָט ער איהם אַרײַן גענומען אין זײַן שטוב אין האָט איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען פון בעסטען און פון שענסטען ער זאָל איהם אַביסעל אַרוים שלאָגען זײַן עגמת נפש ער האָט איהם געטרייסט און האָט איהם אויסגערייד ער זאָל זײַן פערזיכערט אַז עס ווירד איהם גאָר נישט שאַדען ווײַל ער איז אַצדיק׳ס אַזוהן, האַט ער זיך געלעגט אין איז אַדורך געשלאָפען ביז אין דער פריא, וויא עס איז טאָג געוואָרען האָט דער בחור געזאָגט איך וועל מיך אויפהייבען אין אַהיים געהן איידער עס ווירד גיט ליכטיג עס זאָל מיך קיינער נישט זעהן און ערקענען, אין אויך צוליעב מײַן פאָטער ער זאָל נישט האבען קײַן גרוים עגמת נפש אַז ער ווירד זעהען דאָס איך קום נישט אַהיים אַגאַנצע נאַכט, האָט דער פרײַנד געענטווערט זעהר גוט געה אַהיים און גאָט זאָל דיך היטען ווי דוא ווירסט געהען, און זאלסט דאָס נישט דערציילען דײַן טאַטען, אין איך פער= זיכער מיך אויף גאָט אַז דיא זאַך ווירד נישט נתגלה ווערען, און עס ווירד דיר גאָר ניעט שאַדען. האָט ער איהם געדאַנקט פאַר דעם גוטס וואָס ער האָט איהם געטהון אַרײַנצאָזענדיג איהם אין זײַן שטוב בעת סכנה, אין איז אַהיים געגאַנגען און האָט דערציילט זײַן פאָטער אַלעס וואָס זײַן פרײַנד האָט איהם געטהון און וואָס ער האָט מיט איהם גערייד און האָט געזאָגט צום פאָטער, דאָס איז דאָך גאָר דײַן האַלבער פרײַנד, וואָס האָט זיך אַזוי מוסר נפש געווען צוליעב דײַן ליעבשאַפט, וואָס איך האָב נישט געפונען ביי הונדערטער פון מײַנע פרײַנד וואָס איך האָב זייא פערעכענט פאַר מײַנע בעסטע פרײַנד דאָס הייסט דאָך אַגאַנצער אין אַגרויסער פרײַנד וואָס אַזעלכער גיבט שוין נישט, וויא אַזוי דען זאָגסט דו מיר אַז דאָס איז נאָר אַהאַלבע פרײַנד? האָט דער פאָטער געענטווערט אַז דוא ווירסט גוט אַרײַנקוקען אין זײַנע רייד, ווירסט דוא זעהען אַז איך בין גערעכט, בעווײַל ער האָט דיר געזאָגט „אין אַזוי אסכנה

דאַרף איך דיך נישט אַרײַן צולאָזען נאָר וואָס זאָל איך טהון אַז דוא בּיזט מײַן פרײַנד'ס זוהן, מוז איך דיך אַרײַנעמען, האָט ער מיט דעם אַרויסגעוויזען אַז ער טהוט דאָס מיט געוואַלט, אין דעריבּער אויבּוואָל ער האָט דיר דיא טובה געטהון, פון דענסטוועגען האָט ער מיט דעם וואָרט קאַליע געמאַכט אין ער הייסט נאָר אַהאַלבּער פרײַנד, דען ווען ער זאָל זײַן אַגאַנצער אין אֶמתר פרײַנד האָט עֶר גאָר נישט געדאַרפט צו רייִדען נאָר תיכף וויא ער האָט דיך געזעהן אין געהערט דײַן גרויסע סכּנה האָט ער דיך בּאַלד געדאַרפט אַרײַנעמען אין דיר אויסצורייִדען דוא זאָלסט נישט האָבּען אַזוי פיעל עגמת נפש אין שרעק, האָט דער זוהן געזאָגט בּאֶמת לויט דיא גרויסע סכּנה וואָס ער האָט געמיינט איז דאָס געוועזן אַסאַך פון איהם אויבּוואָהל ער האָט דאָס געזאָגט, ווײַל בּאֶמת אַאַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט זיך נישט אַרײַן געבּרענגט אין אַזא סכּנה אין מיט דעם האָט ער בּעוויזען דיא גרויסע ליעבשאַפט, האָט דער פאָטער געענטווערט איך מיין טאַקע אויך אַזוי און דעריבּער האָבּ איך דיר פאָר געזאָגט אַז ער איז אַהאַלבּער גוטער פרײַנד, האָט דער זוהן געזאָגט אויב אַזוי בּעט איך דיך דוא זאָלסט מיר זאָגען ווער עֶס איז דײַן גאַנצער גוטער פרײַנד וועל איך זעהן וואָס עֶר קען נאָך מעהר טהון, האָט דער פאָטער געענטווערט, איך האָבּ דיר שוין געזאָגט אַז דאָס איז אונמעגליך, בּעווײַל ער וואָהנט זעהר ווײַט אין איך וויל דיך נישט אַוועק שיקען ווײַט אויף אונזער עלטער, מיר האָבּען נישט מעהר קיין קינדער וויא דיך, דער זוהן האָט טאָג טעגליך גערעדט צום פאָטער, אין דער פאָטער האָט איהם נישט גע-וואָלט אַוועק שיקען אַפילו אויף אַטאָג.

וויא ער האָט געזעהן אַז דער פאָטער וויל איהם נישט הערען, האָט ער זיך געווענדט צו דיא מוטער מיט געבּעט אין געוויין יעדען טאָג, אַז זיא זאָל בּעטען דעם פאָטער ער זאָל איהם צוליבּ טהוען, אין דאָס איז דאָך בּעוואוסט אַז פרויען האָבּען אַווייכע נאַטור, נאָך דערצו וויא זיא האָט

גֶעזֶעהֶען וויא ווײַט איהר זוהן איז אַיינגעשפּאַרט, עֶר וויל נישט עֶססֶען און טרונקֶען עֶר וויל נישט שלאָפֶען ביז עֶר ווירד דאָס אויספיהרֶען, האָט זיא אָנגעֶהויבֶען צו בּעֶטֶען איהר מאַן עֶר זאָל איהם צוליעב טהון און זאָל איהם אַהין שיקֶען צו זײַן גוטֶען פרײַנד אויף עֶטליכֶע טעֶג, אויף אַזוי אַ אופן ווירד עֶר דעֶרקעֶנעֶן דיא וועֶלט, מיט איהרעֶ מעֶנשֶען ווער עֶס איז אַ אֶמתר און ווער עֶס איז אַ שַקְרָן זיא האָט זיך אַזוי ווײַט אַיינגעֶשפּאַרט ביז עֶר האָט איהר געֶמוזט נאָך געֶבֶען, זײַא האָבֶען איהם אָנגעֶגרײַט צדה לדרך און האָבֶען איהם געֶשריבֶען אַרעֶקאָמאַנ־ דאַציע צו זײַן גוטֶען פרײַנד אין האָט איהם אַרויף געֶזעֶצט אַ שיף אין האָט זיך מיט איהם געֶזעֶגעֶנט אין געֶזאָגט דיא זאָלסט געֶבֶען דאָס כְּתַב דעֶם אין סוחר דעֶר גביר פון דיא שטאָדט אין אַלעֶקסאַנדריע אין מִצְרַיִם, אין געֶדעֶנק זאָלסט דיך נישט מעֶהר זוימעֶן צום העֶכסטעֶן וויא אַיאָהר ווײַל מיר זעֶנעֶן אַלט, אין דיא עֶלטעֶרן האָבֶען זיך מיט איהם געֶקושט און האָבֶען איהם געֶבעֶנטש אין עֶר איז אַוועֶק געֶפאָרעֶן.

וויא עֶר איז געֶקומעֶן קיין מצרים אין האָט אַנגעֶהויבֶען צו פרעֶגעֶן דיא אַיינוואָהנעֶר, וויא וואָהנט דעֶר גביר וואָס רופט זיך אַזוי אין אַזוי, האָט מעֶן איהם געֶזאָגט זײַן באַנק געֶפינט זיך אויף דעֶם אין דעֶם אָרט, האָט עֶר געֶרופעֶן אַ יונג אין האָט איהם עֶפּיס געֶלד געֶגעֶבעֶן עֶר זאָל מיט איהם געֶהן אין ווײַזעֶן וויא יעֶנעֶר וואָהנט, זעֶנעֶן זײַא בײַדעֶ געֶגאַנגעֶן אַהין צו דעֶם אָרט וויא דעֶר גביר האָט געֶוואָהנט, אין דעֶר יונג איז אַוועֶק געֶ־ געֶגאַנגעֶן, דעֶר בחור דעֶם רב׳ס זוהן האָט דעֶרזעֶהן וויא דעֶר גביר זיצט אויבעֶן אָן אין אַשטוב וואָס איז פיעל מיט רײַכעֶ לײַט, שרים קײַזעֶרליכעֶ מעֶנשין אין פיעל משרתים שטעֶהן אַרום איהם אַז עֶס איז נישט מעֶגליך אַרײַן צו קומעֶן, און מכל שכן אַרײַן צו געֶהן אין רעֶדעֶן מיט איהם אפילו אַוואָרט בעֶווײַל עֶר איז שטאַרק פעֶרנומעֶן, און בפרט אַיונגעֶר מעֶנש אין אַפרעֶמד לאַנד, וועֶלכעֶר איז נאָך קײַנמאָל נישט אַרויסגעֶפאָרעֶן אויף דעֶר וועלט האָט עֶר זיך געֶשעֶמט אַרײַן צו געֶהן, אין

איז גֶעבליבּען אויף דיא גאַס קעגען דיא טהיר פון דעם גביר'ס באַנק, אין האָט זיך גֶעדרייט דאָרט הין און צוריק פאַר דיא טהיר, דרווייל האָט זיך אַרוים גֶערוקט עֶטליכע מענשין פון דעם גביר, אין דער גביר איז געוואָרען אַביסעל צייטיגער, האָט ער אַרוים געקוקט אין געזעהען וויא דער בחור דרייט זיך אַרום הין אין צוריק האָט ער ערקענט אַז דאָס איז עפּעס אַפּרישער מענש האָט ער געהייסען דעם משרת ער זאָל געהן אין פרעגען דעם בחור וואָס ער טהוט דאָ? אין פון וואַנען ער קומט? אין וואָס ער פערלאַנגט, איז דער משרת געגאַנגען אין האָט גפרעגט דעם בחור, האָט ער געענטווערט, איך קום פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין איך האָב אַכתב צו דיין העֶרר דער גביר, איז דער משרת צוריק געקומען צו זיין העֶרר אין האָט איהם דאָס ערציילט, האָט דער גביר געזאָגט צום משרת, געה זאָג איהם ער זאָל דיר געבען דאָס כתב אין דיא ווירסט עס מיר געבען איז דער משרת געגאַנגען אין האָט גענומען פון איהם דאָס כתב אין געבּרענגט צום בעל הבית.

וויא דער גביר האָט דער זעהן אַז דאָס איז זיין פריינד'ס האַנדשריפט, האָט ער זיך זעהר געפרעהט אין האָט געעפענט דעם בריעף צו לייענען, האָט ער געזעהן אַללס וואָס איז דאָרט אָנגעשריבען, וועגען זיין איינציגען זוהן דער איבערברענגער פון דעם בריעף, האָט ער זיך זעהר נעפרעהט אין האָט נישט געוואַרט ביז ער ווירד אויס לייענען דעם בריעף נאָר ער איז באַלד אויף געשטאַנען אין אַרוים געלאָפען קעגען דעם בחור, אין ער האָט איהם געהאַלזט און געקוקש אין אַריינגעברענגט אין זיין שטוב אַריין מיט גרויס כבוד אין מיט שטאַרקע ליעבשאַפט אַזוי וויא איינער וואָס געפונט אַ אוצר, אין דיא אַללע מענשין וואָס זענען דאָרט געוועזען האָבען זיך זעהר פערוואונדערט זעהענדיג דיא גרויסע שמחה מיט דעם גרויסען כבוד און ליעבשאַפט וואָס ער ווייזט דעם בחור, וועלכעס זייא האָבען נאָך אַזעלכעס נישט געזעהן מען זאָל מאַכען צו קיין שום גוטען פריינד, האָבען זייא איהם געפרעגט, זאָג אונז וואָס פיר אַסוד

עס איז אין דיא ליעבשאַפט וואָס דיא בעוויזט אַזוי אַ יונגען בחור? האָט ער געענטווערט עטץ מאַכט געזאָלט וויסען מיין גרויסע ליעבשאַפט מיט זיין פאָטער פון פיעל יאָהרען וועלכע ס'איז גאָר נישט צו דער זאָגען, מאַכט עטץ זיך נישט געוואונדערט דערויף, עטץ זאָלט וויסען אַז דעם בחור'ס פאָטער איז אַ גרויסער מאַן הן אין תורה הן אין עשירות. אין זיין נאָמען איז מפורסם אויף דער וועלט לשבח, שוין מעהר וויא דרייסיג יאָהר האַנדיל איך מיט איהם גרויסע געשעפטין, האָב איך געזעהן זיין ערליכקייט און זיין ליעבשאַפט צו מיר איז אָהן אַשיעור ער האָט מיר געטהון גרויסע טובות אז אפילו איינם פון טויזענד בין איך איהם אויך נישט אומשטאַנד צוריק צו טהוען אין מיין גאַנץ לעבען שטרעק איך אַלס זיך צו זעהען מיט איהם פנים אל פנים אין קאָנן נישט בעוויל מיר זענען אַזוי שטאַרק פעריאָגט, אין יעצט האָב איך דיא זכיה צו זעהן זיין זוהן זאָל איך מיך נישט פרעהען? איך דאַרף דאָך איהם אויף דיא הענד אַרום צו טראָגען, אָדער אויף מיין קאָפּ אַרום צו קריינען וויא אַקרון, אין דאָס אַללס מעכט נאָך זיין ווייניג קעגען אונזער ליעבשאַפט. האָבען אַללע געענטווערט אויב אַזוי ביסט דוא גערעכט, ער האָט באַלד געהייסען מען זאָל מאַכען אַ גרויסען באַלל צו ליעב דעם גאַסט אין האָט צו זאַמען גערופען אַללע שרים אין אַללע זענען געקומען, אין דער בחור איז געזעסען נעבין איהם און מען האָט געגעסען און געטרונקען דיא בעסטע מאַכלים, דערנאָך האָט מען גערופען פערשיעדענע מוזיקאַנטען אין מען האָט געזינגען און געטאַנצט אַזוי וויא אויף א חתונה, אַזוי האָט ער געמאַכט באַללער גאַנצע זיבען טאָג אין דיא זיבען טאָג האָט זיך דער גביר נישט אַוועק גערירט פון דעם גאַסט אין האָט אָפּגעלאָזט זיינע אַללע געשעפטען זיך צו פרעהען מיט דעם גאַסט, ביז דער בחור אַליינט איז נבהל ומשתומם געוואָרען צו זעהענדיג דאָס גרויסע ליעבשאַפט מיט דיא פיעל הוצאות וואָס דער גביר מאַכט פיר זיינט וועגען, און האָט זיך אַליין געשעמט פיר זיך, אויך האָט דער גביר געהייסען א

שנייד ער זאל איהם באלד מאכען נייע מלבושים פון קאפ ביז צו פיס אללס כיד המלך: אויבוואהל ער האט דאס גאר נישט געברויכט, און אזוי מיט אללע זאכען, אין יעדען טאג האט ער איהם אללס געמאכט נייע שמחות מיט פערשידענע שפאציערונגען וואס זיינע אויגען האבען נאך נישט געזעהן

וויא דיא שבעת ימי המשתה האבען זיך געענדיגט, האט דער גביר געזאגט צום בחור, מיין טהייערער פריינד דיא האסט געזעהן וויא דיא גאנצע זיבען טאג האב איך פערלאזט מיינע געשעפטען און בין געוועזען מיט דיר, דיא ווייסט דאך אבער אז איך האב אסך געשעפטען מיט'ן מלכות אין איך קאן מיך נישט פערלאזען בלויז אויף פרעמדע מענשין דעריבער בעט איך דוא זאלסט מיר ערלויבען זיך צו בעשעפטיגען אין איך האב שוין אנגעגרייט אגאנצע חברה בחורים דיינס גלייכען זאלען שטענדיג זיין מיט דיר אין דיר פערגניגען טהון און זאל מיט דיר שפאציערען געהען אין פערשידענע גערטנער און צו ערפילען דיינע פערלאנגען, אין איך זאג דיר דוא זאלסט דיך גאר נישט קוועלין, אין וואס דיך גליסט מעגסט דוא זאגען דען אללע זענען גרייט צו טהון דיין פערלאנג, נאך מעהר איך געב דיר איבער אללע שליסלען פון מיינע אללע פאלאצען, כדי אפשר ווירסט דיא אמאל נישט ארויס געהן אין גאס אריין, ווירסט דוא קאנין פאברענגען איבערקוקענדיג מיינע אוצרות און מיינע פאלאצען, האט דער בחור געענטווערט אין געזאגט, מיין הערר, דיא האסט שוין אזוי אויך צו פיעל געטוהען מיט מיר אזוי פיעל גרויסע טובות, ווען וועל איך אומשטאנד זיין דיר צוריק צו טהון אפילו אטויזענד'ס חלק פון דעם וואס דוא האסט מיר געטהון, נאך וואס זאלסט דוא וועלין ווידער דיא שליסלען מיר געבען? האט דער גביר איהם דאך געגעבען דיא שליסלין אין האט איהם געהאלזט און געקושט אין איז זיך געגאנגען צו זיינע געשעפטען, אין דיא בחורים מיט דיא בטחנים זענען איין און אוים געגאנגען ביא דעם בחור און יעדען טאג האבען זייא איהם געפיהרט שפאצירען אויף א פרישע שטעל, טהיילמאל האבען זייא זיך געפרעהט אין דער שטוב, עס איז אזוי אדורך

אַפּאָר טאָג האָט עֶר זִיךְ דערמאַנט דעם בּונט שלִיסלִין וואַס עֶר פעֶרמאָגט, האט עֶר זִיךְ אִין זונן געהאַט נִישט בּחנם האט מִיר דעֶר גבִיר אִיבּעֶר געגעבּען דִיא שלִיסלִין, געווִיס אִיז דאָרט דאָ טהײַערעֶ זאַכען צו זעהען, אִין ווִיא דִיא בּחורים זעֶנען געקומעֶן אַזוֹי ווִיא זײַער שטײַגער אִיז געווען, האט עֶר צו זײַא גזאגט, מײַנעֶ פרײַנד! הײַנט ווֶעל אִיךְ אִין ערגִיץ, נִישט געהן בּעֶווײַל אִיךְ ווִיל זִיצען אַלײַן אִין שרײַבּען אַבּרִיעף צו מײַן טאַטען דאַרף קײַנער נִישט דא צו זײַן אִין אי"ה מארגען, זאלט עטץ קומעֶן ווְעלִין מִיר זִיךְ ווִידער פרעהען האבען זײַא געעֶנווערט מִיר ווְעלען אַזוֹי טהוען, זענען זִיךְ אַוועק געגאַנגען און דער בּחור האט גענומען דִיא שלִיסלִין און האט אנגעהויבּען אַרום צו גײַן אִין דִיא פאַלאַצען פון אײין שטוּב אִין דִיא צווײַטע האט עֶר דארט געזעהן זעהר פִיעל אוצרות און טהײַערעֶ פעֶרִיל, אִין דער נאךְ האט עֶר געזעהן פעֶרשִיעדענע גערטנער מִיט אַלערלײַ פּרות, און רײַנעֶ וואַססערן, און טײַערעֶ בּײמער, עֶר האט דערפון זעהר הנאה געהאַט בּיז עֶר האט געעפענט אַללעֶ צִימערן און אַללעֶ אוצרות.

ווִיא עֶר אִיז געווען אִין לעצטען גאָרטען און דאָרט אַרום שפּאַצִירט, האָט עֶר דערזעהן אַלאָךְ אִין דִיא וואַנד פון גאָרטען האָט עֶר דורךְ געקוקט זעהן ווִיא דאָס לאָךְ צִיהט זִיךְ האָט עֶר געזעהן אַז אונטער דעם גאָרטען צִיהט זִיךְ אַטײַערער סאָד זעהר אַפײַנער און מִיטען אִיז דאָ אַקוואַל וואַסער מִיט מאַרמאָרנע שטײַנער אִין טײַערעֶ בּײמער מִיט בּלומען און רויזען אִין פעֶרשִיעדע בּשמים, אִין מִיטען גאָרטען שפּאַצִירט אַרום זעהר אַשײַנעֶ פרײַלײַן מִיט אִיהרעֶ זִיעבּען בּעֶדִיענטע, האָט עֶר אַרום געזוכט אַטהור אַרײַן צו געהן אָבּער עֶר האָט נִישט געפונען נִישט קײַן טהִיר און נִישט קײַן שלִיסעֶל, אִיז עהם עפּיס אַרײַן אַמחשבה און מוח פאַרוואָס האָט דער גבִיר מִיר נִישט אִיבּערגעגעבּען דעם שלִיסִיל, אַז עֶר האָט מִיךְ אַזוֹי לִיעבּ און האָט מִיר אַלעֶ שלִיסלען יאָ אִיבּערגעגעבען ווְעלכעֶס אִיךְ האָבּ גאָר נִישט פעֶרלאַנגט, נִישט

אומזיסט האט ער פון מיר פערבארגען דיא זאך, ווער ווייס וואס פאר אזוינד עס ווערט דא געטהון אזוי וויא עס איזט בעוואוסט אז דיא לייט פון מצרים זענען גרויסע מנאפים, האט ער באלד פערמאכט צוריק אלע טהירען און איז צוריק געגאנגען אין זיין עקסטרא צימער אריין, וויא עס איז נאכט געווארען אין דער גביר איז צוריק געקומען האט ער איהם געפרעגט מיט וואס ער האט היינט פערברענגט? האט דער בחור געענטווערט, היינט האב איך ארום שפאצירט אין דיין הויז צו זעהן דיינע אוצרות מיט דיא שליסלען וואס דוא האסט מיר איבערגעגעבען, האט דער גביר געפרעגט, נו איז עס דיר געפעלען האט דער בחור געענטווערט עס האט מיר זעהר געפעלען, השי"ת זאל דיר העלפען אז עס זאל נאך גרעסער ווערען דיין רייכטהום, און גאט זאל דיך אפהיטען פון אל'ם שלעכטס דיך מיט דיין פאמיליע אז עטץ זאלט לאנג לעבען, אבער ער האט איהם נישט דערציילט וואס ער טראגט ארום אין הארץ, מען האט צום טיש געגרייט צו עסען נאכט מאהלצייט, אבער ער האט נישט געגעסען אזוי וויא שטענדיג, דער גביר האט איהם איינגערעד ער זאל עסען, אין האט איהם אנגעהויבען פרעגען, וואס איז היינט מעהר וויא אאנדער מאל ער זאל איהם זאגען וואס דערקוטשעט איהם, אין פאר וואס זיין פנים איז אזוי טרויעריג ווירד ער אל'ם אויס גלייכען, האט דער בחור געענטווערט עס איז גאר נישט, נור מיך געלוסטו זעהר אהיים צו מיינע עלטערען, און פון דענסטמאל אן איז ער געוועהן זעהר טרויעריג אין דער גביר איז מיעד געווארען צו דערגעהן וואס דיא מעשה איז און האט זיך זעהר מצער געוועזן אויף דעם, צום סוף איז דעם גביר איינגעפאלען אזוי אהמצאה, ער האט גערופען איינעם פון דיא בחורים וואס זענען געוועזן זיינע קאלעגען ער האט אויסגעקליבען אבחור וואס דער רב'ס זוהן האט זיך אין איהם פערטרויט און האט איהם געזאגט איך בעט דיך זעהר דוא זאלסט מיר טהוען דיא טובה אין דערגעהן פון דיין גיטען פריינד דעם

רבּ'ס זוהן וואָס עֶס פֿעֶהלט איִהם דוּא זאָלסט זעֶהן איִהם חוקר ודורש צוּ זײַן אויף אַלעֶ אופנים עֶר זאָל דיִר עֶנטדעֶקעֶן דעֶם סוֹד, איִךְ בּין גרײַט איהם אַל'ס צוּ עֶרפּיִלעֶן, דעֶן איִךְ האָבּ זעֶהר עגמת נפש צוּ קוּקעֶנדיִג וויִא עֶר געֶהט אַרוּם מיִט אַ אַראָבּגעֶלאָזט פּנים, האָט דעֶר בּחוּר געֶענטוועֶרט דעֶם גביִר, קאָנסט זיִכעֶר זײַן אַז איִךְ ווּעֶל איהם שוֹין איִנטעֶרקוּמעֶן אוּן עֶר וויִרד מיִר מוּזעֶן זאָגעֶן אלעֶס וואָס ליִגט איִהם אויפ'ן האַרץ, איִן איִךְ ווּעֶל עֶס דיִר איִבּעֶרגעֶבּעֶן, צוּ מאָרגיִנס איִז דעֶר בּחוּר אַרײַן געֶקוּמעֶן צוּם רבּ'ס זוהן מיִט איִהם צוּ פֿעֶר=בּרעֶנגעֶן וויִא שטעֶנדיִג, אַזוֹי רײַדעֶנדיִג האָט עֶר איִהם געֶזאָגט איִךְ בּעֶשוועֶר דיִךְ מײַן טהײַעֶרעֶר פֿרײַנד דוּא זאָלסט מיִר אויסזאגעֶן דעֶם אֶמת וואָס דאָס איִז אַז זיִנט עֶטליִכעֶ טאָג געֶהסט דוּא אַרוּם אוּנצוּפֿריִעדעֶן, פֿיִללײַכט האָסט דוּא עֶפּיִס אַזאָרג אָדעֶר אַתאווה אוּן דוּא שאָמסט דיִךְ עֶס צוּ זאָגעֶן דעֶם גביִר זאָלסטוּ דוּא מיִר זאָגעֶן אוּן איִךְ ווּעֶל שוֹין בעז"ה זעֶהן אַז דײַן בּקשה זאָל עֶרפיִהלט ווּעֶרעֶן איִן איִךְ ווּעֶל עֶס זאָגעֶן אויף אַזוֹי אַנאוֹפן אַז דעֶר גביִר ווּעֶט גאָר ניִשט וויִסעֶן אַז דוּא האָסט דאָס פֿעֶרלאַנגט, איִן בּפרט אַז איִךְ ווײס אַז דעֶם גביִר'ס רצוֹן איִז נאָר צוּ עֶרפּיִלעֶן דײַן פֿעֶרלאַנג, עֶר האָט אַזוֹי לאַנג איִן איִהם אַרײַן גערעֶדט בּיִז עֶר האָט איִהם אַל'ס אויסגעֶזאָגט אַז אַזוֹי וויִא עֶר האָט געֶזעֶהן דאָס מײדיִל דאָרט פֿעֶרמאַכט, איִן דעֶר גביִר האָט איִהם גאָר ניִשט געֶזאָגט פֿוּן איִהר, איִן וויִא אַזוֹי זיִא קוּמט דאָרט אַרײַן עֶר האָט זיִא נאָךְ קײנמאָל ניִשט געֶזעֶהן צוויִשעֶן דעֶם גביִר'ס קיִנדעֶר, ע"כ איִז מיִר אײַנגעֶפאַלעֶן אַז זיִא מוּז דאָ זײַן עֶקסטרא לדבר עבירה זיִא איִז אַוודאי גאָר ניִשט קײן יוּדיִשעֶ טאָכטעֶר, אוּן דעֶריִבּעֶר איִז מיִר פֿעֶרמיִאוּסט געֶוואָרעֶן דאָ צוּ זיִצעֶן, אוּן איִךְ בּיִן איִן גאַצעֶן צוּ מיִשט, האָט דעֶר בּחוּר געֶענטוועֶרט דוּא קאָנסט זיִכעֶר זײַן אַז איִךְ ווּעֶל דיִר דיִא זאַךְ קלאָר מאַכעֶן וויִא דעֶר טאָג, איִז דעֶר בּחוּר געֶגאַנגעֶן צוּם גביִר אוּן האָט איִהם אַלל'ס דעֶרצײלט וואָס דעֶר רבּ'ס זוהן האָט איִהם געֶזאָגט.

אין דער זעלבער נאכט וויא דער גביר איז אהיים געקומען פון זיינע געשעפטען איידער ער האט נאך געגעסען, האט ער אריין גערופען דעם בחור אין זיין שטובל און געזאגט אין דער שטילל, איך וויים גוט אז עם פערדרוסט דיך אויף מיר זאלסט אבער וויסען אז דער סוד איז געוועזען ביי מיר בעהאלטען ביז היינט וועלכעם עם וויים קיינער נישט דערפון, נור דיר מיין טהייערסטען פריינד׳ם זוהן מוז איך אלל׳ם אויסזאגען כדי דא זאלסט זיין זיכער אז עם געפינט זיך בייא מיר נישט קיין שום שלעכטם, איך וועל דיר דערציילען דיא גאנצע נעשיכטע פון דעם מיידיל און וויא זיא קומט צו מיר, דו זאלסט וויסען, מיין קינד, אז צום ערשטען האבע איך געהאנדעלט מיט ציערונג גאלדען אין זילבער ציערונג מיט טהייערע דיאמאנטען, איך בין אגרוסער מבין אויף דעם אין האב מיך דערפון ערנעהרט בכבוד אזוי וויא איינער פון דיא גבירים, אבער אזוי וויא עם איז אדורך געגאנגען דיא צייט האט זיך דאס ראד געגעבען אדרעה אין איך האב דאס גאנצע רייכטהום פערלארען, צו וואס איך האב מיך גענומען האב איך נישט מצליח געוועזען, זא האב איך נישט געהאט צו עסען ביז איך האב געמוזט אנהויבען צו פערקויפען קלייניגקייטען פון שטוב, יעדען טאג האב איך גמוזט פערקויפען עפים אנדערש איך זאל האבען צו ערנעהרען מיין פאמיליע, עם איז אנגעקומען דער יו״ט פסח אין מיין שטוב איז געוועזען ליידיג, מיין פאמיליע איז ארום געגאנגען נאקעט און באָרפום, אין יעדען טאג בין איך ארום געקראכען אין גאס אפשר וועט זיך מיר עטוואס טרעפען, גאט וועט מיר עפים מזמין זיין, אזוי בין איך ארום געגאנגען טרויעריג אין בייז, ביז פיער אדער פינף טאג פאר פסח, אין מיין שלעכט מזל האט זיך מיר נאכגעשלעפט, האט מיין ווייב אנגעהויבען צו שרייען אויף מיר „בטלן! וואס שלאפסט דו, דו ווייסט דאך אז דער פסח קומט אן אין ביי אונז איז גאר נישט דא, אפילו יו״טדיגער וויין וועלכער מען מוז פאר קויפען כדי מען זאל קענען איהם קלויבען

אין מאלין און מאכען מצות, מיר זאלען האבען עכ"פ דיא נשמה צו דערהאלטען אין אויב נישט איצט, ווען דען ?" אין מיט נאך אזעלכע ווערטער האט זיא מיר פערביטערט מיין לעבען, און איך האב איהר געענטווערט מיט וועהטאג, וואס קאנע איך דיר העלפען, דוא זעהסט דאך גאנץ גוט, וויא איך געה ארום טאג טאגליך אין דיא גאסען זיכען ערנערונג, אבער אונזער מזל שלאפט, אין איך וויים ניט צו ווענדען זאל איך מיך ווענדען נאך הילף, האט מיין ווייב געענטווערט, דא איז בעטגעוואנד וואס מען רופט „טאפעטא" וואס איז אונז נאך איבער געבליבען, נעם דאס אין גאס אריין צופערקויפען, אין פאר דעם געלד ווירסט דו קויפען ווייץ אויף מצות, און זאלסט עס באלד אהיים ברענגען כדי איך זאל צייט האבען צו מאכען אללס וואס מען ברויך און דער נאך וועט זיך גאט דערבארמען, האב איך איהר מסכים געוועזן, אין האב גענומען דיא טאפעטא און געגאנגען אין גאס אריין צו געבין עס אמעקלער ער זאל עס פערקויפען, אזוי וויא איך שטעה אין גאס קומט מיר אקעגען אגוי'שער מעקלער, אין זיין האנד א קליין מיידעלע פון דרייא יאהר זעהר אשעהן קינד אין דער גוי וויל עס פערקויפען, האב איך געוויאר געווארען דאס עס איז איודיש מיידיל וועלכע מען האט זיא אוועק געגנב'ט פון איהרע עלטערן, וויא איך האב דאס געהערט האב איך זעהר רחמנות געקריגען אויף דעם קינד, און האבע זיא גערן געוואלט אויס ליזען, און האב געהאט גרוים עגמת נפש פון דעם וואס איך קאנן זיא נישט אויסלייזען דאך האב איך געפרובט אפשר וועט מיר גאט העלפען איך זאל קענען מציל זיין א יודיש נפש פון גוי'שע האנד, האב איך גערופען דעם גוי דעם מעקלער וואס האט געהאט דאס מיידיל צופערקויפען און האב איהם געפרעגט וויפיעל מען וויל איהם געבין פאר דעם מיידיל ? האט ער געענטווערט מען וויל מיר געבין כך וכך נאר איהר בעה"ב בעשטייט נאך נישט דערויף, האב איך געזאגט איך וועל דיר עפים מוסף זיין נאר בתנאי דו זאלסט צו נעמען דיא טאפעטא אנשטאט געלד, האט דער מעקלער

גֶעזאָגט גֶעבּ מִיר דִיא טאַפּעֶטאַ וועֶל אִיךְ גֶעהן פרעֶגעֶן דעֶם בּעל הבּית אוֹיבּ עֶר ווִירד בּעֶשׁטיין אִיז גוּט, אוּן אוֹיבּ נִישׁט וועֶל אִיךְ דִיר צוּרִיק גֶעבּעֶן, אִיז עֶר גֶעגאַנגעֶן אוּן האָט עֶם גֶעווִיזעֶן דעֶם בּעל הבּית אִין עֶר אִיז בּעֶשׁטאַנעֶן, אִיז דעֶר מעֶקלעֶר צוּרִיק גֶעקוּמעֶן אוּן האָט מִיר מְבַשֵׂר גֶעוועֶן אַז דעֶר בּעל הבּית בּעֶשׁטייט אוֹיף דִיא טאַפּעֶטאַ, האָבּ אִיךְ זִיךְ זעֶהר גֶעפרעֶהט וואָס גאָט האָט מִיךְ מְזַכֶּה גֶעוועֶן מִיט אַזאַ גרוֹיסעֶ מצוה צוּ דעֶרהאַלטעֶן אַיוּדִישׁ נפש, אוֹיבּוואָהל אִיךְ בִּין יעֶצט גֶעבּלִיבּעֶן מִיט לֵיידִיגעֶ האֶנד אִין האָבּ נִישׁט גֶעהאַט פאַר וואָס צוּ קוֹיפעֶן ווייץ אוֹיף פּסח אוּן גֶעווִיס וועֶט זִיךְ מײַן ווײַבּ מִיט מִיר קרִיגעֶן פוּן דעֶסטוועֶגעֶן האָבּ אִיךְ מִיךְ פעֶרזִיכעֶרט אוֹיף גאָט אוּן האָבּ מִיר גֶעטראַכט, זאָל זײַן וואָס עֶס אִיז אִין האָבּ דאָס מיידעֶלעֶ אַהיים גֶענוּמעֶן.

אִין גאָט וועֶלכעֶר וויים וואָס דעֶר מעֶנשׁ טראַכט ווִיא עֶר האָט גֶעזעֶהן מײַן שמחה פוּן דִיא מצוה אוֹיבּוואָהל אִיךְ בִּין אַזוֹי אָרוּם, האָט מִיר אַרוֹיס גֶעהאָלפעֶן פוּן מײַן נוֹיט, אוּן ווִיא אִיךְ גֶעה אַהיים טרעֶפט מִיךְ אייגעֶר אִין זאָגט מִיר אִיךְ בּעֶט דִיךְ דוּא זאָלסט מִיר טהוּעֶן אַטוֹבה, אַזוֹי ווִיא אִיךְ בִּין יעֶצט זעֶהר גֶעדרוּקט אוּן האָבּ נִישׁט אוֹיסצוּקוּמעֶן אללס וואָס אִיךְ דאַרף אוֹיף פּסח מִיט מײַן גאַנצעֶ פאַמִילִיעֶ ע״כ מוּז אִיךְ פעֶר= קוֹיפעֶן מײַן ווײַבּס גאָלדעֶנעֶ צִירוּנג אוּן אוֹיבּ אִיךְ וועֶל אַליין גֶעהן צוּ דִיא סוֹחרים, בִּין אִיךְ זִיכעֶר אַז זייא וועֶלעֶן מִיר קיין העֶלפט אוֹיךְ נִישׁט גֶעבּעֶן ווִיפִיעֶל עֶס אִיז ווערטה, אוּן אַזוֹי ווִיא אִיךְ האָבּ דִיךְ דעֶרזעֶהן, פרעֶה אִיךְ מִיךְ זעֶהר בּעֶווײַל אִיךְ קאָנן דִיךְ פִיר איין אֶמתִין שליח, אוּן דוּ בִּיסט זעֶהר אַמֵבִין אוֹיף דִיא סחוֹרה, ע״כ זאָלסט דוּ אַזוֹי גוּט זײַן אוּן מִיר פעֶרקוֹיפעֶן דאָס צִירוּנג, אוּן אִיךְ וועֶל דִיר גוּט בּעֶצאָלִין מעֶקִיל געֶלד האָבּ אִיךְ אִיהם גֶעזאָגט גֶעבּ מִיר דאָס צִירוּנג אִין אִיךְ וועֶל זעֶהן עֶס צוּ פעֶרקוֹיפעֶן בּכל כּחִי, האָבּ אִיךְ צוּ גֶענוּמעֶן פוּן אִיהם דאָס צִירוּנג אִין עֶר אִיז זִיךְ אַוועֶק גֶעגאַנגעֶן אוּן אִיךְ האָבּ גִינוּמעֶן דאָס מיידעֶלעֶ זִיא צוּ פִיהרעֶן אִין מײַן שטוּבּ

אַריַין, איךְ געה נישט אָב קיין צעהן טריט טרעפט מיךְ איינער אין זאָגט צו מיר אַזוי, איךְ פערלאַנג פון דיר איין זאַךְ דו זאָלסט עס מיר נישט פערזאָגען, האָב איךְ איהם געענטווערט, זאָג מיר אויב עס ווירד נאָר מעגליךְ זיין וועל איךְ עס דיר געוויס טהון, האָט ער מיר אזוי געזאָגט, דו זאָלסט וויסען אַז איךְ מיט מיין ווייב קריגען זיךְ אַרום שוין אַלאַנגע צייט, זיא וויל דורךְ אוים איךְ זאָל איהר קויפען ציערונג, זי האָט ניט וואָס זיךְ אָן צו טהון אַרוים צו געהן אין בפרט ימים טובים יעדען ערב יו"ט מאַכט זי מיט מיר אַגרויסע מחלוקה, אין איךְ בין זי אַלל'ס מַדְחֶה נור יעצט האָט זי געשוואָרען דאָס זי וועט נישט אויפהערען ביז איךְ וועל איהר קויפען ציערונג, איךְ האָב אָבער קיין געלד נישט צו גיין צו אַגאָלדשמיעד קויפען ציערונג בעוויַיל איךְ וויים עס ווירד מיךְ טהייער קאָסטען, נאָר יעצט אַז השי"ת האָט דיךְ מַזְמין געוועזן בין איךְ זעהר צופריעדען בעוויַיל איךְ קאָנן דיךְ אז דו ביזט אַ אָרענטליכער מענש און דוא ביזט אַגרויסער מֵבין אויף ציערונג, זאָלסט דו גוט זיין אין מיר קויפען אַזאַ מין ציערונג וועלכעס די פערשטייסט אַז איךְ וועל קאָנען בעצאָלען, כדי צופרידען צושטעלען מיין ווייב, אין איךְ וועל דיר בעצאָלען שכר טִרְחָה אויסער וואָס דו האָסט א גרויסע מצוה צו מאַכען שלום צווישען מאַן און ווייב, לויט זיינע רייד האָב איךְ פערשטאנען אז דאָס ציערונג וואָס איךְ האָב וועט פינקט גוט זיין פאַר איהם, האָב איךְ איהם באַלד געזאָגט, גאָט האָט דיר שוין געהאָלפען איךְ האָב יעצט צו פערקויפען אַזאַ ציערונג וואָס איז גוט פאַר דיר, אין האָב איהם געוויזען דאָס ציערונג האָט עס איהם זעהר געפאָלען און האָט מיר געזאָגט געלויבט איז השי"ת, אין אַדאַנק דיר וואָס גאָט האָט מיר שוין געהאָלפען דורךְ דיר, דען דאָס איז פונקט פאַר מיר האָב איךְ איהם געזאָגט וויפיעל עס דאַרף קאָסטען און מיר זענען באַלד מושוה געוואָרען, און ער האָט זייא געקויפט אין בעצאָלט דאָס געלד זעהר צופרידען, אין אויךְ מיךְ האָט ער זעהר בעפרידיגט בעוויַיל ער האָט זעהר הנאָה געהאַט וואָס עס האָט איהם אַזוי ביליג געקאָסט ווען ער

זאָל קויפען אין אַגעוועלב וואָלט ער געמוזט בעצאָלען דאָפּעלט, איך האָב באַלד אויף געזיכט דעם מענש וואָס האָט מיר געגעבען דאָס ציערונג, אין האָב איהם דערציילט דאָס איך האָב פערקויפט דאָס ציערונג אויף אַזא פּרייז האָט ער זיך זעהר געפרעהט און איך האָב איהם געגעבען דאָס געלד אין ער האָט מיר געגעבען מעקיל געלד, ער איז זיך אַוועק געגאַנגען, אין איך בין ווידער געוועזן פרעהליך וואָס גאָט האָט מיר אַרויס געהאָלפען בזכות דעם מיידעל אין דורך איהר מזל האָט גאָט ערהויבען מיין מזל.

וויא איך בין אַהיים געקומען מיט דעם מיידעל אין מיין ווייב איז מיר אַקעגען געגאַנגען בעווייל זיא האָט געטראַכט געווים טראָג איך אַהיים אַזעקיל ווייץ אויף דיא פּלייצעס, אין וויא זיא האָט דערזעהן אַז שטאָט ווייץ פאַר דיא קינדער מיר זאָלען פון וואָס צו לעבען האָב איך אַהיים געברענגט נאָך אַ אורח, איז זיא אויף מיר אַרויס מיט אַ קול צו דען ווייניג האָבען מיר קלאָפּאָטעס פון אונזערע אייגענע קינדער וואָס מיר האָבען נישט פאַר זייא, האָסט דו געדאַרפט צו ברענגען נאָך געסט? האָב איך געענטווערט דו זאָלסט קיין עגמת נפש ניט האָבען, אין זכות פון דעם מיידעל וואָס איך האָב זיא אויסגעלייזט פון גוים׳ס האַנד האָט זיך השם יתברך אויף אונז ערבאַרמט, און דורך איהר מזל האָב איך שוין געזעהן גאָט׳ס וואונדער דען איך האָב יעצט פערדיענט אַזאַ סומע געלד וועלכעס איך האָב שוין לאַנג נישט פערדינט און האָב איהר דערציילט דיא גאַנצע מעשה וויא זיא האָט דאָס געהערט האָט זיא זיך בערוהיגט אין האָט געזאָגט, „יהי רצון אַז גאָט זאָל אונז געבען מזל וברכה, אין איהר זכות" אין האָט זיא גענומען און געקושט אין איהר אַנגעטהון אַלטע מלבושים׳ליך פון איהרע קינדער אין איך בין באַלד געגאַנגען קויפען ווייץ אויף פּסח אויף דעם וועג האָט זיך מיר ווידער געטראָפען איין אַנדער פערדינסט אין אַזוי איז געגאַנגען טאָג טאָגליך וואָס אַטאָג האָב איך געהאַט מעהר הצלחה. מיר האָבען געהאַט אַפרעהליכען פּסח און מיר האָבען געדאַנקט

גאָט. מײַן ווײַב אין קינדער האָבען געזעהען אַז אין איהר מזל העלפט אונז גאָט האָבען זײ זיא זעהר ליעב געהאַט אין געשאָצט, אין בפרט איז זיא געװען אַזעלטענע שעהנהײט, און פון דענסמאָל אָן בין איך געגאַנגען וואָס אַמאָל גרעסער און השי"ת האָט מיר געגעבען גרוים הצלחה, ביז איך בין זעהר רײַך געוואָרען אַזוי וויא דו זעהסט מיך יעצט, אין יעצט שרעק איך זעהר עס זאָל אויף איהר ניט שולט זײַן קײן עין הרע אָדער כשוף וואָס מצרים איז פיעל דערפון, דעריבער תיכף אַזוי וויא איך האָב די צביה געהאַט מיר צו שטעלען אַ הויז אין דעם פאַלאַץ וואָס דו זעהסט, האָב איך פאַר איהר געבויט אַ עקסטרא פאַלאַץ, אין האָב זיא דאָרט בעהאַלטען עס זאָל קײן שום בריה איהר נישט קענען טהון און האָב אויסגעקליבען זיעבען מײדליך יתומות איהר גלײַכען זײא זאָלען בײַא איהר זײַן אין בעגלײטען זיא און האָב דיא טהיר בעהאַלען עס זאָל קײנער נישט קאָנען אַרײַן קומען, נאָר דרײַא מאָל אין וואָך געהע איך אַרײַן געוואָר ווערען וואָס זיא מאַכט, און אָנגרײטען אַללס וואָס זיא דאַרף מיט איהרע חברתות אין דאס איז דער גאַנצער סוד פון דעם מײדיל פון אָנהויב ביז'ן סוף, אָבער חלילה וחס עס זאָל אין מײַן שטוב זיך געפונען אַ עבירה זאַך.

וויא דער בחור האָט דאָס אַללס דערהערט האָט ער זיך זעהר דערפרעהט און עס האָט איהם זעהר געפאָלען איהר שעהנהײט אין ער האָט צו איהר געגלוסט, אין אַזוי וויא דער גביר איז געבען איהם געשטאַנען האָט ער דערקענט אין זײַנע אויגען אַז ער האָט זיך פערליעבט אין איהר, האָט דער גביר איהם געזאָגט זאָג מיר דעם אמת אויב זיא געפאָלט דיר פיר אַווײַב, אָבער דער בחור האָט זיך געשעמט צו ענטווערען נור ער האָט געשוויגען און געלאַכט, האָט דער גביר געזאָגט אויב זיא געפאָלט דיר ווען איך זיא דיר געבען פיר אַווײַב, האָט דער בחור זעהר געדאַנקט דעם גביר דאַפיר און האָט איהם געזאָגט אַז גאָט זאָל איהם בעצאָלען אין פערגעלטען,

דער גביר האט תיכף געהייסען מאכען טייערע מלבושים צו דיא חופה און האט איהר אנגעגרייט אנדן מיט ציערונג וויא פיר אקייזער'ס אטאכטער, און אחודש שפעטער האט מען געמאכט דיא חתונה מיט גרוים שמחה, און דיא גאנצע זיעבען טאג איז דארט דיא שמחה זעהר גרוים געוועזען, עס איז געוועזען פערשידענע מוזיקאנטען, פערשידענע הערן און שרים, דערווייל איז אנגעקומען דיא צייט וועלכע ער האט צו געזאגט זיין פאטער אז ער וועט אהיים קומען, האט דער בחור געזאגט צום גביר, וועלכער האט זיך פערעכענט פיר זיין שווער, דוא זאלסט וויסען אז איידער איך בין אוועק געגאנגען פון דער היים האט מיר מיין פאטער אנגעזאגט איך זאל מיך נישט לאנגער זאמען וויא איאר, ע"כ קאן איך שוין נישט לאנגער דא זיין, און איך פערלאנג פון דיר דו זאלסט אזוי גוט זיין מיך אהיים שיקען צו מיינע עלטערן האט דער גביר געענטווערט טהוע אזוי וויא דו ווילסט, מיין שיף געהט דארט אהין קאנן איך דיך מיט אללם דייניגע אב שיקען, און ער האט טאקע אזוי געטהון, ער האט געהייסען זיינע משרתים אנגרייטען שפייז אויף דעם וועג און האט איהם מיט געגעבען פיעל גאלד און זילבער, פיעל מלבושים אין דיענסטען, און האט זיי געהאלזט און געקושט און האט זיך מיט זייא געזעגענט, מיט דעם בחור און מיט זיין כלה און האט זיי אוועק געשיקט, און זיי זענען אהיים געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל, וויא דיא עלטערן האבען דערזעהן דעם זוהן מיט זיין ווייב האבען זייא זיך זעהר געפרעהט, האט ער דערציילט זיין פאטער דיא גרויסע טובות וואס זיין פריינד האט מיט איהם געטהון וועלכעס עס איז גאר נישט צו דערזאגען זינט ער איז פון איהם אוועק ביז היינט, און דאס ווייב מיט דעם גאנצען רייכטהום וואס ער האט איהם געגעבען אין האט געזאגט צו זיין פאטער יעצט זעה איך אז דו ביזט גערעכט, ווען איך מעכט דאס נישט געזעהן מיט מיינע אויגען וואלט איך נישט געגלויבט אז עס זאל זיך געפינען אזו איין גוטער פריינד אויף דער וועלט, און פון

יעצט אָן וועל איך דיך שוין מיט אַללעם פאָלגען, איך וועל שוין מיין צייט נישט פערברענגען אויף אַזעלכע חברים וואָס זענען פאַלש זיי זענען נור גוטע פריינד בשעת מען גיעט זייא עפּים. וויא דער בחור מיט זיין ווייב זענען אַוועק פון גביר. האָט זיך דאָס רעדיל איהם ווידער אַדרעה געגעבען רח"ל, אין ער האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַיורד, וואָס אַמאָל מעהר און מעהר, ביז ער איז זעהר פעראָרומט געוואָרען כמעט נאָך מעהר וויא צום ערשטען, נישט גענוג זיינע צרות פון דלות האָט ער נאָך געהאַט פיעל אויסצושטעהען פון זיין ווייב וואָס האָט זיך מיט איהם זעהר געקרוגט זאָגענדיג דאָס ער איז שולדיג אין אָרומקייט בעוויַיל ער האָט אַוועק געשיקט דאָס מיידיל מיט דעם גליקליכען מזל פון זייער שטוב אַרוים און פון דענסמאָל אָן האָבען זייא אָנגעהויבען צו גיין וואָס אמאָל מָטָה אין זיא האָט איהם געזאָגט דאָס ער האַט געקענט חתונה מאַכען אויף אזוי אַ אופן אַז זייא זאָלען דאָ בלייבען און אויב ער האָט געוואָלט אַהיים צום פאָטער, האָט ער געקענט אַליין אַהיים און דערנאָך צוריק צו קומען צום ווייב נישט אַזוי וויא דו האָסט געטהון וואָס דו האַסט זיא אַרוים געלאָזט, און יעצט אַז דו האָסט שוין יאָ געטהון דאָס נאַרישקייט, און דו האָסט נישט געפאָלגט דיין ווייב, דאַרפסט דו לכל הפּחות צו שרייבען זייא אַבריף און זייא צו וויסען צו טהוען פון דיין עגמת נפש וועלען מיר זעהען וואָס זיי וועלען דיר ענטווערען, אויב זיי וועלען גאָר דערקענען דיין טובה אין וועלען דיר עפּים אַרוים-העלפען, האָט דער מאַן געענטווערט חלילה וחם איך זאָל מיך פערלאָזען אויף אַ מענטש, איך וועל נישט שרייבען איין וואָרט נור אַן גאָט וועל איך מיך פערזיכערן ער שלאָגט אין היילט, צום סוף האָט ער איהר נישט געוואָלט האָרכען, דערוויַיל איז דאָס אָרומקייט געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער, דיא קינדער האָבען פערלאַנגט אַשטיקעל ברויט און עס איז נישט געוועזן זיי צו געבען, און דאָס ווייב האָט זיך מיט איהם זעהר געקריגט און איהם דאָס לעבען זעהר פערביטערט, און

האָט אַללם געשריגען ער זאָל אַהין שרײַבען צו זײַן גוטען פרײַנד און צו זײַן אֵיידים אַון זאָל זײ מודיע זײַן, זײַן צער זיא האָט איהם אַזוי געפּײַניגט טאָג און נאַכט ביז ער האָט שוין נישט געקענט סובל זײַן, און האָט געשריבען אֵיין בריעף צו זײַן גוטען פרײַנד און האָט איהם אַללם גענעבען צו וויסען, זײַן פרײַנד פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ערהאַלטען דעם בריעף און האָט איהם גאָר נישט געענטווערט אַזוי וויא ער מאַכט גאָר נישט געוויסט, אין ער נעביך וויא ער האָט געזעהן דאָס מען ענטווערט איהם גאָר נישט האָט ער שוין מעהר נישט געוואָלט שרײַבען אָבער דאָס ווײַב האָט איהם אויסגעטײַלט גרויסע צרות אין האָט איהם געזאָגט, זעהסט דו שוין דײַנע גוטע פרײַנד ? וואָס זײא טהוען דיר צוריק פיר דײַנע גרויסע טובות וואָס דו האָסט מיט זײ געטהון, בפרט נאָך מיט זײַן זוהן וואָס דו האָסט אויסגעגעבען אַזוי פיעל געלד וואָס דוא האָסט דיר נישט פּאָזוואָליעט פיר דײַנע קינדער, און יעצט האָבען זײ דיר אפילו קײַן תשובה נישט געגעבען ווי עס איז איבער געגאַנגען נאָך אַפּאָר טאָג, און דאָס אָרומקײַט איז נאָך גרעסער געוואָרען האַט זיא ווײַטער אָנגעהויבען צו שרײַען ער זאָל שרײַבען אַבריעף נאָכאַמאָל אֶפשר איז יענער בריעף פערלאָרען געוואָרען און ער האָט איהם גאָר נישט ערהאַלטען, זיא האַט איהם אַבער אַזוֹ שטאַרק געפּײַניגט אַז ער האָט געמוזט נאָך אַמאָל שרײַבען און אויף דעם צווײַטען בריעף האָט ער אויך נישט געקריגען קײַן תשובה האָט זיא ווײַטער איהם פערביטערט דאָס לעבען ביז ער האָט געמוזט אַדריט מאָל שרײַבען אין ער האָט ווײַטער קײַן ענטווער נישט בעקומען נישט פון זײַן פרײַנד אין נישט פון זײַן אֵיידים, און וויא זײַן ווײַב האָט געזעהען אַז דיא בריעף פועלין נישט צו ערוועקען זײַן פרײַנד'ס הערץ, האָט זיא מיט איהם אָנגעהויבען צו טענהן, אַז ער זאָל אַלײַן אַהין פאָהרען וועט ער איהם נישט קענען פערזאָגען ער וועט זיך פאַר איהם שעמען, ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיך אַזוי משפּיל זײַן פיר זײַן פרײַנד וואָס ער איז מיט איהם געווען

אויף אֵיין מדרגה אִין יעֶצט אִיז עֶר גֶעבּלִיבּעֶן אָהן אַגרוֹישעֶן, נאָךְ דעֶרצוּ האָט עֶר זִיךְ נִישט גֶעוואָלט פעֶרזִיבּעֶרן אויף אַמעֶנשעֶן אוֹיף גאָט, אָבּעֶר ווייל זיין ווייבּ האָט אִיהם שטאַרק אָנגעֶהאַלטעֶן עֶר זאָל דוּרךְ אוֹים פאָהרעֶן, האָט עֶר אִיהר געֶמוּזט צוּ לִיעבּ טהוּן, אִין עֶר אִיז געֶגאַנגעֶן צוּ אֵיינעֶם פוּן זיינעֶ בּעֶקאַנטעֶ סוֹחרים פוּן פאַרצייטעֶן אוּן האָט אִיהם געֶבּעֶטעֶן עֶר זאָל אִיהם מִיט נעֶמעֶן אויף דִיא שִׁיף וואָס עֶר שִׁיקט אַוועֶק זיין סחוֹרה קיין קאָנסטאַנטִינאָפּאָל בּעֶוויל עֶר האָט נִישט געֶהאַט אויף דִי הוֹצאוֹת צוּ דִינגעֶן אַשִׁיף אִין עֶס אִיז טאַקעֶ אַזוֹי געֶוועֶן דעֶר סוֹחר האָט אִיהם אַריינגעֶזעֶצט אִין דִיא שִׁיף אוּן עֶר אִיז אָנגעֶקוּמעֶן קיין קאָנסטאַנטִינאַפּאָל.

אִין וויא עֶר אִיז אַריינגעֶקוּמעֶן אִין דִי שטאָדט אוּן עֶר אִיז כּמעֶט געֶוועֶן נאַקעֶט אָנגעֶטהוּן צוּרִיסעֶנעֶ מלבּוּשִׁים האָט עֶר זִיךְ געֶטראַכט וויא קאָנן אִיךְ אַהִין געֶהן צוּ מיין גוּטעֶן פריינד אִין אַזעֶלכעֶ מלבּוּשִׁים, האָט עֶר זִיךְ זעֶהר געֶשעֶמט אִין האָט שוֹין חרטה געֶהאַט נאָךְ וואָס עֶר אִיז אַהעֶר געֶקוּמעֶן, דעֶן עֶס אִיז אִיהם לִיבּעֶר געֶוועֶן דעֶר טוֹיט וויא זִיךְ צוּ ווייזעֶן פאַר זייא אִין אַזאַ מצב עֶס אִיז פעֶראִיבּעֶר דעֶר טאָג אָהנעֶ עֶססעֶן אָהן טרִינקעֶן דעֶן עֶס קאָנן אִיהם דאָרט קיינער נִישט עֶר זאָל זִיךְ אויף אִיהם עֶרבּאַרמעֶן אוּן אַריין נעֶמעֶן אִין אַ שטוּבּ, נאָר אויף דעֶר נאַכט וויא עֶר האָט שוֹין נִישט געֶפוּנעֶן קיין שוּם עֵצה, האָט עֶר בּיי זִיךְ אָנגעֶפאַסט עֶר זאָל יאָ גיין זִיךְ זעֶהן מִיט זיין גוּטעֶן פריינד, אִיז עֶר געֶגאַנגעֶן זִיךְ פרעֶגעֶן ווי עֶס וואָהנט דעֶר רב פוּן דִיא שטאָדט? האָט מעֶן אִיהם געֶוויזעֶן ווי עֶר וואָהנט, האָט עֶר זִיךְ געֶשטעֶלט פאַר דִי טהִיר, אִין ווי דעֶר מְשַׁמֵּשׁ אִיז אַרוֹיס געֶגאַנגעֶן פוּן דעֶר שטוּבּ, האָט עֶר אִיהם געֶזאָגט, אִיךְ בּעֶט דִיךְ דוּ זאָלסט אַזוֹי גוּט זיין זאָגעֶן דעֶם רב אַז זיין פריינד פוּן מצרים אִיז דאָ אוּן עֶר וויל זִיךְ מִיט אִיהם זעֶהן, אִיז דעֶר משמש געֶגאַנגעֶן אִין האָט דאָס דעֶרציילט דעֶם רב, אוּן עֶר אִיז געֶשטאַנעֶן אַקעֶגעֶן דִי טהִיר זעֶהן וואָס דעֶר רב וועֶט אִיהם עֶנטוועֶרעֶן אוּן אוֹיבּ עֶר וועֶט אִיהם אַקעֶגעֶן געֶהן, אַזוֹי ווי עֶר האָט געֶ=

דארפט צוריק צו טהוען פיר זיינע גרויסע טובות וואס ער האט געטהון זיין זון, אין ווי דער רב האט געהערט דעם משמש'ס רייד, אין געזעהן ווי ער שטעהט פאר די טהיר, האט ער איהם שטארק אנגעשריגען אין געזאגט וואס וויל דער מענש פון מיר? איך האב איהם נאך קיינמאל נישט געזעהן און איך קאן איהם נישט. ווי דער ארומאן האט דערזעהן זיינע אנגעשרייען מיט זיין ענטווער איז איהם דאס הארץ צוגאנגען און האט אנגעהויבען צו וויינען אין זיך צו בעקלאגען אויף זיין שלעכט מזל, אין האט געקלערט וואס צו מאכען מיט זיין לעבען? זאל איך זיך אליין דאס לעבען נעמען, איז עס דאך א גרויסע עבירה, ע"כ איז דאס גלייכסטע ער זאל נעכטיגען די נאכט אין די גאס, אין אז די נאכט היטער וועלען צו קומען וועלען זייא איהם רעכנען פיר א גנב און זיי וועלען איהם הרגענען אזוי אנאך וועט ער זיך נישט דארפען דאס לעבען צו נעמען, ער האט טאקע אזוי געטהון, ער האט זיך געלייגט שלאפען אין מיטען גאס אין ווי די נאכט וועכטער זענען אדורך געגאנגען אין האבען געזעהן ווי ער שלאפט האבען זיי איהם געקאפעט אויף צו וועקען, אין האבען איהם געפרעגט וואס ער טהוט דא אין גאס ביי נאכט האט ער געענטווערט אז ער איז א גנב וויא זייא האבען געהערט אז ער איז אליין מודה אז ער איז אגנב האבען זייא איהם באלד געחאפט אין אריין געזעצט אין תפיסה אין צו מארגענס האבען זיי איהם געפוהרט צו זייער געריכט זיי זאלען זיך קענען בעווייזען אז זייא האבען געחאפט א גנב, אין נאכ דערצו א יוד, האט דער ריכטער געשיקט נאך איהם אין איהם געפרעגט וואס האסט דו געהאט צו טהון אין מיטען די נאכט אין גאס? האט ער געענטווערט אז ער איז אגנב, האט דער שופט געזאגט צו זיינע משרתים, האט עטץ נאך דאס געהערט אז א גנב זאל אליין מודה זיין ער איז א גנב? דאס איז אגרויס וואונדער אין אויבוואהל ער איז א יוד וויל איך איהם גישט משפט'ן, איך זאל נישט זיין דער חיב אין זיין מיתה ע"כ פוהרט עטץ איהם צום גרעסערן ריכטער פון שטדאט און ער וועט

איהם מִשפּט'ן האָבּען זייא איהם טאַקע אָבּ געפֿוהרט צום גרעסערען שופט און האָבּען געזאָגט מיר האָבּען דעם יוד גע. פונען ליגען בּיי נאַכט אין מיטען גאַס און ער אַליין האָט מודה געוועזען אַז ער איז אַגנב. וויא ער האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך אויך זעהר פערוואונדערט און געפרעגט דעם יוד אַליין נאָך וואָס בּיזט דו געוועזען אין מיטען דער נאַכט אין גאַס? האָט ער אויך דאָס אייגענע געענטווערט איך בּין אַגנב, האָט דער ריכטער אויסגעשריגען פיר אַללע שופטים. רבונו של עולם! וויא איז נאָך דאָס געהערט געוואָרען אַז אַגנב זאָל אַליין מודה זיין אַז ער איז אַגנב כדי מען זאָל איהם הרגענען, דער שכל קאָנן דאָס גאָר נישט צו נעמען ע"כ קאָנן איך דאָס נישט משפּט'ן נור פיהרט עטץ איהם צום „קאַדי" דער גרויסער ריכטער און ער וועט איהם משפט'ן, האָט מען איהם געפיהרט צום קאַדי און מען האָט איהם אַלל'ס ערצעהלט און ער האָט זיך אויך זעהר געוואונדערט, און האָט איהם אַליין געפרעגט אָבער ער האָט זיך גאָר נישט געשאָמט און האָט גאָר קיין מורא נישט געהאַט נור עפענטליך געזאָגט איך בין אַגנב. האָט דער קאַדי אויך געזאָגט איך וועל איהם נישט משפטן פירהט עטץ איהם צו דיא מיניסטאָרען זיי זאָלען איהם משפטן און די מיניסטאָרען האָבּען דאָס דערהערט האָבּען זיי זיך אויך שטאַרק ערשראָקען און האָבּען איהם געשיקט צום משנה למלך ער זאָל מיט איהם מאַכען וואָס ער וויל און זייא האָבּען איהם טאַקע געפיהרט צום משנה, דערווייל ווי מען האָט איהם געפיהרט פון איין אָרט צום אַנדערען האָבּען זיך צו זאַמען גענומען אַ המון רב און זענען איהם נאָך געלאָפען ווי דער משנה האָט דערזעהען פון דערווייטענס ווי עס לויפט אַזאַ גרויסער המון צו איהם האָט ער געשיקט פרעגען וואָס דאָס איז? האָט מען איהם דערציילט דיא גאַנצע מעשה. אַז אַלע שופטים ווייסען נישט וואָס צו טהוען אויב איהם צו הרגענען אָדער צו לאָזען לעבען, און זיי האָבּען איהם צו דיר געשיקט דו זאָלסט מיט איהם מאַכען וואָס דו ווילסט אין דער משנה למלך איז געוועזען

אַגרויסער צורר יהודים ווי ער האָט דערהערט אַז דער גנב איז אַ יוד האָט ער זיך באַלד דערבייזערט און געשריגען בעוויל ער איז אַיוד איז אייך אַשאָד איהם צו הרגענען ? עטץ זאָלט איהם תיכף אויף הענגען אַזוי וויא עס קומט אַגנב , און עס האָט זיך תיכף פערזאַמעלט אַגרויסער המון צו זעהען וויא מען וועט איהם הענגען אין גאַס , און דער אָרומאַן איז געגאַנגען פאָראויס מיט צופריעדענהייט עס האָט איהם קיינער נישט גערדאַרפט צו האַלטען אַזוי ווי ביי אַנדערע גנבים , און עס איז אַרוים אַקלאַנג אין דיא גאַנצע שטאָדט אַז מען האָט ביי נאַכט געפונען אַיודיל פון אַפרעמד אָרט אין ער האָט אַליין מודה געווען אַז ער איז אַגנב אַז אַלע שופטים האָבען זיך זעהר פערוואונדערט דערויף ביז עס איז אָנגעקומען צום משנה למלך און ער האָט איהם געפסקעט צו הענגען און יעצט געהט מען איהם הענגען .

ווי דער רב האָט ערהערט אַז עס האַלט שוין אַזוי וויַיט און אַז אַמינוט אַרום קענן מען איהם שוין הרגענען , האָט ער זיך זעהר געאַיילט און געחאַפט דעם אויבערמאַנטיל אויף זיך און געלאָפען דאָרט אַהין וויא מען האָט איהם געוואָלט הרגענען און האָט זיך אַריין געשטופט צווישען עולם און האָט שוין געטראָפען וויא דער פריינד טהוט זיך אַליין אָב דאָס שטריקעל אויפן האַלז און דער רב האָט איהם מיט כח אַרויס געריסען דאָס שטריקעל פון האַנד און האָט עס אַרוף געטהון אויף זיין האַלז , אין דער אָרומאַן ווידער וואָס האָט שוין אַזוי אַרויס געקוקט אויף דעם טויט האָט נישט . געוואָלט אַרויס לאָזען דאָס שטריקעל פון האַנד . בקיצור , זייא האָבען זיך ביידע געקריגט איבער דעם שטריקעל , דער האָט געצויגען אַהין און דער האָט געצויגען אַהער , און דער עולם איז געשטאַנען פון דער וויַיטען און צו געקוקט דיא וואונדער צו זעהען ווער עס וועט מנצח זיין און דער קייזער איז געזעסען אין זיין פּאַלאַץ און האָט אַרויס געקוקט פון פענסטער און געזעהען ווי די גאַס איז פּיעל מיט מענשען האָט ער געפרעגט זיינע בעדיענער וואָס

דאס איז ? האט מען איהם דערציילט דיא גאנצע מעשה מיט דעם גנב וואס מען האט איהם געפינען און דער משנה האט איהם געהייסען הענגען. האט דער מלך געזאגט דאס דארף אזוי לאנג צו דויערען ? אין איין מינוט קאנן מען איהם אויף הענגען אין יעדער זאל זיך אהיים געהן, אבער איך זעה דאך ווי דער עולם שטעהט שוין דארט מער ווי אפיערטיל שעה עס איז דאך נישט בחנם, האט דער קייזער אהן געשיקט זיינע בעדיענטע געוואר ווערען, זענען זיי צוריק געקומען און האבען איהם אזוי דערציילט אז מען זעהט דארט גרויסע וואונדער, דאס ערשטע וויא דער גנב אליין האט גענומען דאס שטריקעל און זעלבסט זיך געוואלט ארוף לייגען אויפן האלז, אין דער נאך איז אנגעקומען דער רב פון שטאדט אגרויסער גביר אין אחשובר ביי מענשען אין האט אוועק געחאפט דאס שטריקעל פון גנב און וויל עס ארויף לייגען אויף זיין האלז און אזוי קריגען זיי זיך ארום דער ציהט אהין און דער אהער, האט זיך דער קייזער זעהר פערוואונדערט און האט געהייסען ביידע פריי לאזען, און דער רב זאל קומען פאר איהם צו הערען פאר וואס ער האט דאס געטהון, האט מען זיי באלד ביידע פריי געלאזט, און דער עולם איז זיך אהיים געגאנגען, און דער ארומאן איז ארום געגאנגען און געוויינט אויף זיין שלעכט מזל און אויף דעם וואס זיין פריינד האט איהם נישט געלאזט בעקומען דעם טויט דאס הייסט ביי איהם שנאה נישט ליעבשאפט, דען וויל ער האט זיך נישט געוואלט אויף איהם מרחם זיין, זא איז איהם דער טויט ליעבער געווען ווי דאס לעבען, און דעם רב האט מען אהין געפיהרט צום קייזער.

האט דער קייזער געזאגט צום רב, און דיין פנים זעהט מען אב אז דו ביזט אגרויסער מאן, און אויך האב איך געהערט אז דו ביזט דער גרעסטער חכם ביי יודען, על כן בעט איך דיך זעהר דו זאלסט מיר אין אמת'ן זאגען ווי פאלסט דו אוים צו טהוען אזא נארישקייט ? האט דער רב געענטווערט דו זאלסט וויסען אדוני המלך ! אז דער ארומאן איז אמאל געוועזען

אַגרויסער גביר נאָך רײַכער פון מיר און אַגרויסער שר, שוין מער ווי דרײַסיג יאָהר קאָנען מיר זיך און מיר האָבען געהאַנדעלט צו זאַמען, און אונזער ליעבשאַפט איז געוועזען זעהר גרויס אויבוואָהל מיר האָבען זיך קיינמאָל נישט געזעהען פערזענליך אין פאַר פינף יאָהר האָב איך צו איהם געשיקט מײַן זוהן האָט ער איהם גרויס כבוד אָנגעטהון און האָט אויף איהם זעהר פיעל געלד אויסגעגעבען און האַט איהם געגעבען זײַן טײַערע טאָכטער פיר אַ ווײַב, און האָט איהם געשיקט צו מיר מיט אַזוי פיעל גוטס אַז איך זאָל איהם וועלען בעצאָלען אַטויזענד'ם חלק קאָנן איך אויך נישט. נור ווי מײַן זוהן אין מײַן שנור זענען אַוועק פון איהם האָט ער אָנגעהויבען אָרום צו ווערען ביז ער איז אַראָב אויף אַזאַ מדרגה ווי דו זעהסט איהם הײַנט וואָס פאַר פיעל עגמת נפש האָט ער זיך געוואָלט דאָס לעבען נעמען. נור ווײַל ער איז זעהר אַפרומער. האָט ער זיך נישט געוואָלט אַלײַן דאָס לעבען נעמען, נור ער האָט געמאַכט אויף אַזוי אַ אופן אַז אַנדערע זאָלען איהם הרגענען, אָבער איך קאָנן אויף איהם עדות זאגען אַז עס געפינט זיך נישט קיין עהרליכען מענש ווי ער, אויף דער גאַנצער וועלט. אויב דו וועסט מיך פרעגען פאַר וואָס איך האָב איהם נישט צוריק געטהון קיין טובות אַזוי ווי ער האָט געטהון מיט מײַן זוהן זאָלסט דו וויסען אדוני המלך, אַז זינט איך האָב ערהאַלטען פון איהם די בריעף אַז ער איז געוואָרען אַיורד, האָב איך איהם גאָר נישט געוואָלט ענטוועריען אין אָנטהון איהם קיין טובות בפַרְהֶסְיָה איבער צוויי זאַכען, איינם נישט גרעסער צו מאַכען זײַן עגמת נפש דורך דעם וואָס ער וועט דאַרפען מענשען'ס הילף בעווײַל ער האָט זיך פאַר זעהר ב־ייט געפוהרט און האָט געטהון זעהר פיעל צדקה מיט מענשען, האָב איך געוויסט אַז מײַן שטיצע וועט איהם שטאַרק מְצַעֵר זײַן, אין די אַלע בריעף וואָס ער האָט געשריבען האָט ער נאָר געטהון צוליעב זײַן ווײַב וואָס האָט איהם זעהר שטאַרק גע־פײַניגט, אין זי האָט איהם אויך געיאָגט ער זאָל אַהער פאָהרען, אין דיא גאַנצע צײַט האָב איך אַללם געקלערט צו געפונען

אמיטעל איהם ארוים צו העלפען, אז ער זאל גאר נישט וויסען דערפון, און דיא צווייטע סבה וואס איך האב איהם נישט געוואלט ארויסהעלפען זיין שכר אויף יענער וועלט זאל חלילה נישט מינער ווערען דורך וואס ער וועט זיך אין גאנצען פערלאזען אויף מיר און וועט גאר נישט האפען צו גאט דעריבער האב איך איהם נישט ארויסגעהאלפען ביז היינט וויא איך האב געהערט אז מען וועט איהם שוין הענגען בין איך געלאפען איהם ראטעווען דערפון, ווי דער קייזער האט דאס ערהערט האט ער זיך זעהר געפרעהט אין האט געזאגט צו דעם רב דו ביזט זעהר גערעכט זינט איך לעב האב איך נאך נישט געהערט עס זאל זיך געפונען אזא ליעבשאפט צווישען מענשן אין אפילו אפאטער מיט זיין זאהן זענען אויך נישט אזוי געטריי, ע"כ וויל איך אויך זיין אחבר מיט אייך וועלען מיר זיין דריי אזעלכע חברים, וואס אונזער ליעבשאפט וועט זיין זעהר גרויס, האט ער געענטווערט דעם קייזער איך בין גרייט צו ערפילען דיין פערלאנג, האט דער קייזער צו איהם געזאגט אלזא געה און זאלסט איהם ערנעהרען מיט זיין גאנצע פאמיליע ער זאל קענען אהיים פאהרען אין וואס דו וועסט אויסגעבען אויף איהם קאנסט דו מיר זאגען וועל איך דיר געבען מיין חלק, האט דער רב געענטווערט, דער מלך זאל אייביג לעבען איך ברויך דאס נישט דען איך האב געלויבט השי"ת אזוי פיעל איך זאל איהם קאנען אליין איינהאלטען, האט דער קייזער געזאגט איך וויל אבער דורך אוים אויך זיין א שותף, האט דער רב געענטווערט ווען דו ווילסט וועט אזוי בלייבען און ער האט זיך געבוקט פאר'ן קעניג און איז אוועק געגאנגען.

אין דער רב האט געקלערט אויפ'ן וועג עצות וויא אזוי ארוים צו העלפען דעם ארומאן פון זיין נויט האט ער גערופען צווי פון זיינע בעסטע תלמידים אין זיי אזוי געהייסען זיי זאלען געהען, און אויפזוכען דעם ארומאן אין זאלען מיט נעהמען מיט זיך פיעל דימאנטען און פעריל אין אז זיי וועלען געפונען דעם ארומאן זאלען זיי צו איהם צו געהן אין זאלען איהם טרייסטען

אין איהם אויסרייידען זיין עגמת נפש אז ער דארף זיך נישט פערמאוסען דאס לעבען, דען גאט שטראפט אויך דעם צדיק, יסורים של אהבה, אבער גאט קאנן העלפען אין איין מינוט, אויבוואהל ער איז אין אזא שלעכטען מצב, קאנן איהם גאט ארויסהעלפען דען ער האט פערשידענע וועגען צו העלפען אזעלכע דבורים זאלען זיי מיט איהם רייידען ביז ער וועט אביסעל בערוהיגער זיין און אז איהר וועט זעהען אז ער איז שוין בערוהיגער זאלט איהר אנהויבען מיט איהם צו רייידען און איהם דערציילען אז עטץ האט געהערט ער איז אמאל געוועזען אגרויסער סוחר מיט דימאנטען און ער איז אגרויסער מבין אויף דעם אין וויים געוועזען זייער ווערטה, ע"כ קומען מיר דיך בעטען דו זאלסט אזוי גוט זיין אונד טהוען די טובה אין אנשאצען דעם ווערטה פון די דימאנטען וועלכע מיר האבען בקומען בירושה פון אונזערע עלטערן, אין דאס דארף מען איינטהיילען אויך קלייינע יתומים. און מיר זענען תלמידי חכמים וואס מיר זיצען שטענדיג און לערנען, און מיר זענען נישט בקי אין האנדעל נאכדערצו אויף די פעריל דארף מען האבען אגרוים מבינות מען זאל קאנען וויסען זייער ווערטה, מיר זאלען עס קענען פערקויפען מיט אגוטען מקח, דעריבער האבען מיר מורא צו געהן צו דיא גאלדשמידען וואס האנדלען דערמיט, ווייל זיי וועלען אונז גענארען זיי וועלען נישט מעהר געבען ווי אהעלפט געלד אדער אדריטעל פון זייער ווערטה אין דאס איז יתומים'ס געלד, ארום געלד, אין גאט וועט דיר געווים בעצאלען פיר דיין טירחה און וועט זיך מרחם זיין אויף דיר, און אויב ער וועט אייך נישט וועלען צו הערען בעוויל ער איז זעהר פערצוקט, זאלט עטץ איהם שטארק בעטען מיט כל מיני בקשות ביז ער וועט ענק מוזען צוליעב טהון, און אז ער וועט עס אבשאצען זאלט אייך מיט נעמען אפעדער אין עטץ זאלט אויף שרייבען גענוי די וואג אין די ווערטה פון יעדען בעזונדער, און אז ער ווירד האבען אלל'ם אבגעשאצט, זאלט עטץ נעמען דאס צעטעלע ווי עס איז אלל'ם פערצייכענט און עטץ זאלט ביי איהם איבער לאזען אללע פעריל

אין איהם בעשווערען אז ער זאל זיך בעמיהען צו פערקויפען די פעריל ווייל ער האט אנגעהויבן די מצוה זאל ער זי שוין ענדיגען, ווייל עטץ זינד זיכער אין זיין ערליכקייט, און געוויס וועט מען איהם נישט קענען גענארען, נור איך וויים דאך אז ער וועט שרייען אויף אייך און וועט נישט וועלען צו נעמען ווייל ער וועט זאגען ער האט נישט קיין ארט צו שלאפען ווי קען ער האלטען דימאנטען אדער פעריל, עטץ זאלט אבער גאר נישט קוקען אויף איהם, נאר עטץ זאלט איבערלאזען דיא פעריל און אנטלויפען האבען די צוויי תלמידים גזאגט מיר וועלען אזוי טהון ווי דיא האסט אונז געהייסען

זענען די צוויי תלמידים אוועק אין שטאדט זוכען דעם ארומאן און האבען איהם ארום געזוכט און די גאנצע שטאדט ביז זיי האבען איהם געפינען זיצען אין אווינקעל, און זיי האבען געזעהן פון דער ווייטענס ווי ער זיצט טרויעריג און וויינט און די הענד קלאפט ער איינע אין די צווייטע, ער שרייעט וואס טויג מיר אזא לעבען ? פיעל גלייכער מאכט מיר גאט דאס לעבען צו גענומען וואלט איך געוועזען זעהר צופרידען, און זיי זענען צו איהם צו גענאנגען און האבען איהם אנגעהויבען אויסצוריידען און צו טרייסטען זא ווי דער רב האט זיי געהייסען ביז זיי האבען געזעהען אז ער איז אביסעל בערוהיגט, האבען זיי אנגעהויבען מיט איהם צו טענה'ן, מיר האבען געהערט אז דו ביזט אמאל געוועזען אסוחר פון דיאמאנטען מיט פעריל און ביזט אגרויסער מבין אין די זאכען, האט ער זיי געענטווערט דערמאנט מיך גאר נישט אין די פאריגע יאהרען דען יעצט איבער מיין ארומקייט האבע איך שוין אללעם פערגעסען, האבען זיי איהם געזאגט, מיר בעשטעהען אויף אלע אופנים ביז זיי האבען איהם איינגערעדט ער זאל אב-שאצען די סחורה און זיי האבען מיט געהאט אוואג, איינער האט געוואוגען אין דער צווייטער האט געשריבען און אויף געצייכענט די וואג און די ווערטה, וויא ער האט שוין געענדיגט אבצושאצען האבען זיי איהם געבעטען, ער זאל פ..

זײ צו נעמען די פעריל צו פערקויפען און ער הויבט אן צו שרײען אויף זײ, זײ האבען איהם אבער געלאזט שרײען און װײנען און זענען אנטלאפען און האבען איבער געלאזט אלע פעריל בײ איהם, ער איז זײ נאך געלאפען זײ צו חאפען, זײ האבען זיך אבער אװעק געדרעהט אין אן אנדערען װעג אין ער האט זײ נישט געקענט געפונען זײ זענען זיך אװעק געגאנגען אין געקומען צום רב, און האבען איהם געברענגט אצעטעלע דאס געװיכט פון יעדע פריל און די װערטה דערפון, האט עס אנגעטראפען זעהר פיעל, און דער ארומאן דערװײל האט געליטען פיעל צרות בעװײל ער שטײט אין מיטען גאס און דא מוז ער אנהיטען די פעריל עס זאל קײנער נישט צו קומען אװעק כאפען, און אגאנצע נאכט האט ער קײן אויג נישט צו געמאכט מחמת מורא, און װי עס איז נור טאג געװארען איז ער שון אויף געשטאנען און געגאנגען זעהען װיא די צװײ מענשען געפינען זיך האט ער אבער קײנעם נישט געפינען, אזו האט ער געליטען צער דרײ טעג און דרײ נעכט װעלכעס עס האט איהם מעהר דעקוטשעט װי זײן ארומקײט בעװײל ער איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט פחד אפשר װעט ער אנטשלאפען װערען און מען װעט איהם דאס אװעק נעמען װאס װעט ער דערנאך ענטװערען די מענשען װאס האבען איהם געגעבען און בפרט נאך אז דאס איז יתומים׳ס און תלמידי חכמים׳ס געלד, װי איז פערבײ געגאנגען דרײ טאג האט דער רב גערופען אנדערע צװײ תלמידים און האט זײ געזאגט איהר זאלט איבער שרײבען דאס צעטעלע ער זאל נישט דערקענען דאס אײגענע כתב, און נעמטץ מיט די סוממע געלד װאס דאס באטרעפט און עטץ זאלט געהן אויפזיכען דעם ארומאן, און אז עטץ װעט איהם געפונען זאלט עטץ נישט צו געהן צו איהם נור שטעהענדיג פון דערװײטענס אפאר אײלען זאלט עטץ אנהויבען צװישען זיך צו רײדען אויף אזא לשון, װעה איז צו אונז און װעה איז צו אונזערע קינדער, װער װײס דער קײזער װעט אונז טהוען? מארגען אז עס

וועט אָנקומען דער טערמין וועלכע מיר מוזען איהם צו שטעלען אַזעלכע און אַזעלכע פּעריל וואָס בעטרעפען אַזוי פיעל אין אַזוי פיעל, מיר לויפען שוין אַרום אַצייט ביי אַלע סוחרים פון פּעריל אין דיאַמאַנטען און מיר געפונען אַללעס נישט אַזעלכע מיר האָבען שוין געשיקט געוואָר ווערען און אַלע שטעדטליך אַרום און מיר געפינען אויך נישט פינקט אַזוי ווי דער קייזער פערלאַנגט, געוויס וועלען מיר פערמשפט ווערען צום טויט ווייל מיר האָבען נישט ממלא געוועזען זיין בקשה, מיר מעכטען שוין נישט געקוקט אויף אונזער טויט וואָס קענן מען טהוען אַז עס איז אַגזר דין פון הימעל, אָבער אַז מיר דערמאַנען זיך אַז מיר וועלען איבער לאָזען אלמנות און יתומים איז אונזער וועהטאָג זעהר גרויס, אַזעלכע דבורים זאָלט עטץ טענה'ן צווישען זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל ביז ער וועט הערען און וועט דאָס אַללעס פערשטעהען, און אַז ער וועט דאָס הערען וועט ער אַיך געוויס צורופען און ווייזען די פּעריל וועלכע זענען פונקט אַזוי ווי איהר פערלאַנגט און עטץ זאָלט פון איהם אָנקויפען די פּעריל און בעצאָהלען וויפיעל ער וועט נור פערלאַנגען און עטץ זאָלט נעמען די פּעריל און געהן, זענען די צוויי תלמידים טאַקע געגאַנגען און האָבען איהם געפינען נאָך פיעל זיכען, און האָבען געזעהן פון דערווייטענס ווי ער זיצט און טרויערט אויף זיין שלעכט מזל, און נאָך מעהר אויף די פּעריל וואָס מען האָט ביי איהם איבערגעלאָזט וועלכעס ער מוז זיי היטען, זענען זיי אַביסעל נעהנטער צו געגאַנגען און האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעקלאָגען אויף זייער צער און אויף די גרויסע סכנה וואָס שטעהט זיי פאַר, און דער אָרומאַן האָט אַקוק געטהון ווי די צוויי תלמידי חכמים שטעהען און וויינען אין מיט גרויס צער רעדען זיי וועגען די פּעריל וואָס דער קייזער מיט די קייזערען פערלאַנגען מיט אַזאַ וואָג און אַזאַ מאָס פונקט ווי די פּעריל וואָס געפונען זיך ביי איהם, האָט ער זיי צו גערופען און האָט אָנגעהויבען מיט זיי צו רעדען מיינע ליבע פריינד זאָגט

מיר צו ליעב וואס עטץ האט אזוי פיעל צער און זארג דען אזארג איז שטענדיג גוט אויסצורייידען פאר א צווייטען און גאט וועט אייך העלפען, האבען זיי איהם נאנגעשריגען וואס ווילסטו נאך פון אונז האבען? מיר האבען נישט קיין צייט דיר צו ענטווערען וועלכעס וועט אונז קיין שום ניצען נישט ברענגען, ער האט אבער אלס זיך איינגעשפארט זיי זאלען איהם יא זאגען און זיי האבען אללס נישט געוואלט ביז צום סוף האבען זיי זיך געמאכט ווי זיי קענען איהם שוין נישט פערזאגען, אין אזוי ווי מיט געוואלט האבען זיי אנגעהויבען מיט איהם צו ריידען וואס וועסט דו אונז קענען העלפען? די ארומער מענש! וועסט דו דען קען ערפילען אזא פערלאנג וועלכעס מיר האבען עס נישט געקענט געפינען ביי אללע גרויסע סוחרים וואס אין דעם גאנצען קאנט האט ער זיי געזאגט פונדעסטוועגען פערלאנג איך עטץ זאלט מיר דערציילען איך בין זיכער אז איך וועל ענק קענען ארויס העלפען בעזר אלהים ית', האבען זיי געענטווערט אויבוואהל דער שכל קען דאס נישט פערנעמען אז דו זאלסט אונז קענען העלפען, אבער אפשר איז טאקע א אופן אז דו זאלסט אונז קענען העלפען אונד מציל צו זיין פון טויט, וועלען מיר דיך גוט בעפרידיגען, אויסער דיין גרויסען שכר וואס דו וועסט האבען פון גאט. און זיי האבען איהם דערציילט די גאנצע מעשה וואס דער קייזער האט אויף זיי גוזר געוועזען זיי זאלען איהם ברענגען אזעלכע פעריל מיט אזא וואג און איזא מאס און האט זיי געגעבען צייט דריי טעג אין יעצט האט זיך שוין נעענדיגט דער זמן, מארגען אין דער פריה מוזען מיר איהם ברענגען די פעריל אז נישט וועט מען אונז הרגענען מיר זענען שוין מיאד זובענדיג אזעלכע פעריל וויל מיר קענען נישט געפונען פאר קיין געלד דעריבער איז אונזער עגמת נפש אזוי גרויס ווייל מיר ווייסען נישט ווי זיך צו קעהרען נאך הילף, האט ער צו זיי געזאגט, מיינע פריינד עטץ זאלט גאר נישט זארגען איך בין זיכער אז גאט וועט אייך העלפען, האבען זיי געפרעגט.

וואָס ? עס איז פערהאַנן אַ אופן דו זאָלסט אונז קענען ווײַזען ווי דאָס צו בעקומען ? אויב דאָס זאָל זײַן דורך דיר וועלען מיר דיר טהוען דײַן אַללע פערלאַנגען, אָבער מיר קענען דאָס נישט גלויבען, האַט דער אָרומאַן געזאָגט, וואַרטץ וועט עטץ באַלד זעהן, ווײַזט מיר נאָר דאָס צעטעלע איך זאָ׳ וויסען וויפיעל פעריל אונ מיט סאַרע געוויכט עטץ ברויכט ? האָבען זיי איהם געוויזען און ער האָט אויך אַרויס גענומען די פעריל וואָס ער האָט געהאַט אין האָט געהייסען אַז איינער זאָל אַרויס לעזען פון צעטעל און דער צווייטער זאָל וועגען וועט מען זעהן אויב עס וועט צו פאַסען האָט מען צום ערשטען אָנגע־וואָגען איין דימאַנט האָט ער פונקט געהאַט דיא זעלבע וואָג לויט ווי זיי האָבען געברויכט האָבען זיי זיך זעהר געפרעהט און האָבען געדאַנקט גאָט וואָס זייער הילף האָט זיך שוין אָנגעהובען דורך דעם אָרומאַן און האָבען געזאָגט הלואי זאלען מיר קענען בײַ דיר געפונען אַללעס וואָס מיר בעדאַרפען, האָט דער אָרומאַן געזאָגט האָב איך דען נישט באַלד געזאָגט עטץ זאָלט מיר דערצײַלען, קאָנן זײַן אַז גאָט וועט אײַך העלפען דורך מיר ? בקיצור זיי האָבען אַרויס גענומען נאָך אַדימאַנט און האָבען געוואויגען איז עס ווײַטער געוועזען פינקט אַזוי ווי מען האָט בעדאַרפט האָבען זיי זיך ווידער געפרעהט און אַזוי יעדעס מאָל ווי זיי האָבען אָנגעוואויגען און געזעהן אַז עס איז פינקט, האָבען זיי זיך זעהר געפרעהט און האָבען איהם געהאַלזט און געקושט זאָגענדיג דערבײַ דו ביזט דאָך אַזוי ווי אליהו הנביא וואָס דו האָסט אונז מיט אונזערע פאַמיליעס מציל געוועזען פון טויט, און דעם זכות וועט אײַך גאָט העלפען אין וועט דערהייבען אַייער מזל ביז צום הימעל און איהר וועט נאָך רײַכער זײַן ווי איהר זענט געוועזען, און אַזוי ווי זייא האָבען געענדיגט דיא גאַנצע וואָג וואָס זיי האָבען געברויכט האָבען זיי פון איהם פערלאַנגט ער זאָל זאָגען ווי פיעל דאָס קאָסט וועלען זיי באַלד בעצאָהלען באָארעס געלד, האָט ער זיי ערקלערט אַז דאָס איז יתומים׳ס

אין תלמידי חכמים'ס געלד ע"כ בעדאַרפט עטץ גוט צו בעצאָהלען בעוויַיל עס איז אַגרויסע מצוה און בפרט נאָך עס איז נאָך פון קייזער'ס געלד, האָבען זייא גזאָגט מיר וועלען דיר געבען וויפיעל דו פערלאַנגסט דען קענען אונזער גליק האָט דאָס גאָר קיין ווערטה נישט, דען אַללס וואָס אַמענש פער-מאָגט געט ער אַוועק אַבי ער זאָל בלייבען לעבען, האָט ער זייא געמאַכט אחשבון אין זייא האָבען איהם באַלד בעצאָהלט באַאר און האבען איהם צוגעגעבען אַטייַערע מתנה אויסער מעקעל געלד וואָס זיי האָבען איהם גיט בעצאָלט אין האָבען איהם געקושט און אַוועק געגאַנגען. אין דער אָרומאַן אַזוי ווי ער האָט פערקויפט די פעריל איז ער געגאַנגען אויפס'נייַם זוכען די צוויי לייַט וואָס האָבען בייַ איהם איבערגעלאָזט דיא פעריל כדי ער זאָל זיי קענען געבען דאָס געלד ער זאָל נישט האָבען קיין עול פון היטען דאָס געלד, בעוויַיל יעצט האָט ער געהאַט מעהר טרחה מיט דעם זאַק געלד וואס פערנעמט אַגרויס אָרט, ווי פאָר מיט די פעריל וועלכע האָט זיי געקאָנט האָבען אין קעשענע, פון דעסטוועגען האָט ער נישט געקאָנט שלאָפען פאַר שרעק, נאָכדערצו יעצט מיט אַזאַ שווערע און טייַערע משאַ צו שלאָפען אין מיטען גאַס, דעריבער האָט ער זיי אַרום געזיכט אַגאַנצען טאָג אין די גאַנצע שטאָדט און ער האָט זיי נישט געפונען האָט ער זיך געדינגען אשטוב אין אַגאַסט הויז פון דעם געלד וואָס ער האָט פערדיענט כדי ער זאָל קענען דאָרט נעכטיגען און זאָל זייַן זיכער מיט דעם געלד וואָס איז נישט זייַן אין צו מאָרגענס האָט ער זיי ווידער אָנגעהויבען צו זיכען, ער האָט נישט איבער געלאָזט קיין ווינקעל אין דיא גאַנצע שטאָט ווי ער זאָל זיי נישט זיכען אין האָט קיינעם נישט געפונען, אין ווען ער האָט נאָר געטראָפען האָט ער אַללס געפרעגט אויב זיי האָבען דיא לייַט נישט געזעהען, עס האָט אבער קיינער נישט געוויסט, אַזוי איז אַדורך געגאַנגען פיער פינף טאָג, ווי ער האָט געזעהען אַז ער קאָנן זיי נישט געפינען, און זיי האָבען בייַ איהם איבער געלאָזט אַזוי פיעל פעריל אין

קומען זיך גאר נישט נאכפרעגען , ווי דער סדר איז אז איינער
גיעבט יענעם סחורה צו פערקויפען קומט ער זיך נאכפרעגען צו
די סחורה איז שוין פערקויפט , אדער זי איז נאך דא אפילו די
סחורה איז אויף די זיכערסטע שטעל מכל שכן זיי האבען איבער
געגעבען אזא מאיאנטעק א עני ואביון וועלכעס האט נישט
געהאט אפילו ווי צו שלאפען ער זאל דאס קענען ערגיץ בע-
האלטען , האבען זיי געדארפט קומען דריי מאל אין טאג געוואר
ווערען וואס הערט זיך , און דא זעהט מען זיי גאר נישט , איז
איהם איינגעפאלען דו צוויי זענען אודאי נישט געוועזען קיין
מענשען נאר מלאכים פערשטעלט פיר מענשען , בעוויל גאט
האט געזעהען מיינע צרות אז איך בין אזוי צוגעדריקט האט ער
מיט מיר געמאכט אנם , דען ווען דאס זאל זיין פראסטע
מענשען וואלטען זייא געקומען זוכען האט ער זיך שוין מיאש
געוועזען זיי צו געפונען אין איז געגאנגען אין האט געקויפט פיר
דעם געלד אזעלכע סחורות וואס ער האט געוואוסט אז ער וועט
פערדינען דערביי און האט געדינגען אשיף אין איז צוריק גע-
פאהרען קיין מצרים אין זיין שטאדט אריין , ווי זיין ווייב האט
געוואר געווארען אז איהר מאן קומט אן איז זיא איהם אקעגען
געגאנגען אין האט איהם געזאגט זעהסט דו שוין ווי מיין עצה
האט געפועלט אז דו ביסט אליין געגאנגען האבען זיי דיר געטהון
גרויסע טובות , די בריעף זענען צו זיי בודאי נישט אנגעקומען .
האט דער מאן געענטווערט שוויינג ליבער דען פערשאלטען זאל
זיין דער מענש וואס פערזיכערט זיך אין א צווייטען זיי האבען
מיר נישט געטהון קיין שום טובה , נאך פערקעהרט זיי האבען
מיר אנגעטהון גרויסע חרפות נור געלויבט השי"ת וואס ער האט
מיר ארויס געהאלפען ער האט צו מיר געשיקט צוויי מלאכים
אין צירה פון מענשען וואס האבען מיר געברענגט דיא טייערע
דימאנטען , אין ער האט איהר אללעם דערציילט האט דאס
ווייב זיך אנגערופען האב איך דען נישט באלד געזאגט אז דו
זאלסט נישט אוועק שיקען דאס מיידיל מיט דעם מזל דו האסט
אבער נישט געפאלגט און האסט זי איהם אוועק געגעבען ער

זאָל האָבּען עושר וכבוד און בּעת מיר האָבּען גערדאַרפט האָבּען זיי אונז נאָך צוגעדריקט, נור געלויבּט השי"ת וואָס האָט זיך איבּער אונז ערבּאַרמט איִן פון יעצט אָן מעגסט דיר נעמען איין זינן אַריין ווי צו פיהרען זיך מיט מענשען, דו זעהסט דאָך אַז עס איז היינט קיין ערליכע לייט נישט דאָ אויף דיא וועלט פון דענסמאָל אָן האָט ער זיך גענומען ווייטער צו האַנדלען און איז וואָס אַמאָל גרעסער געווארען.

ווי דער רב פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געהערט אַז זיין גוטער פריינד איז צוריק רייך געוואָרען האָט ער איהם געשריבּען אַבּריעף בּזה הלשון, שלום צו דיר מיין טהייערער פריינד, עס פרייט מיר זעהר וואָס גאָט האָט דיר געהאָלפען איין דו בּיסט צוריק רייך געוואָרען, איך האָבּ מיך זעהר געפרייהט ווען איך בּין דאָס געוואָר געווארען, אין דו זאלסט געדענקען אין אונזער ליעבשאַפט בּלייבּט ווייטער פעסט, אַזוי ווי זי איז געוועזען, אין אפשר פערדריסט דיך אויף מיר וואָס איך האָבּ דיר געטהון שלעכטס שטאָט גוטס, בּשעת דו בּיזט געוועזען אין אַצרה האָבּ איך דיר נישט אַרויס געהאָלפען, בּין איך דיר מודיע אַז איך בּין דאָס אויסען געוועזען פיר דיין טובה בּעוויל איך ווייס דיין גרויס פרומקייט האָבּ איך דיר נישט געוואָלט גורם זיין אַז איבּער מיר זאָלסט דו אָנוועהרען די האָפנונג אויף גאָט אין דו וועסט דיך פערזינבּערען אויף אַמענש, דעריבּער האָבּ איך מיך גאָר בּעהאַלטען פון דיר, בּיז דו האָסט דיך אויף געהערט צו פערזינבּערן אויף מיר און ווען עס האָט געהאַלטען בּיי סכנות נפשות האָבּ איך מיך מוסר נפש געוועזען דיך צו ראַטעווען, און דערנאָך האָבּ איך אויך געזיכט פערשיעדענע מיטלען דיר אַרויס צוהעלפען אזוי ווי דו האָסט געזעהן, ע"כ זאָל דיך נישט פערדרוסען וואָס איך האָבּ דיך אַזוי שטאַרק מצער דאָס וועט זיין אַכפּרה אויף דיינע זינד וואָס דו האָסט געפאָלגט דיין ווייבּ און דו האָסט דיך אַבּיסעל אויף מיר פערזינבּערט, יעצט בּין איך דיר אַז איך בּלייבּ ווייטער דיין טייערער פריינד נאָך מעהר ווי בּיז יעצט נור זאָלסט וויסען אַז יעצט האָבּען

מיר צו געקריגען אדריטען פריינד דער קייזער יר"ה וועלכער האט געוואר געווארען פון אונזער גרויס פריינדשאפט האט ער געזאגט, געפינט זיך דען נאך אזעלכע גוטע פריינד אויף דער גאנצער וועלט?" און ווי ער האט ערהאלטען דעם בריעף האט ער איהם געקושט און געהאלזט און האט געזאזט, וואויל דיר מיין טהייערסטער פריינד, וואס די ליעבשאפט געפינט זיך נאך ביי דיר, און זיי זענען געבליבען וויטער גרויסע גוטע פריינד נאך מעהר ווי פאר און דער קייזער מיט זיי און זענען געבליבען אזעלכע גוטע פריינד כל זמן זיי האבען געלעבט זיי מיט זייערע קינדער און אייניקליך אזוי ווי די תורה האט געזאגט „דו זאלסט ליעב האבען דיין חבר, אזו ווי דיך זעלבסט" אמן.

מיר לערנען זיך פון די מעשה אן,

איינס, אגרויסען מוסר פיר בחרום וואס ווילען נישט פאלגען זייערע עלטערן, און ברענגען אום זיך און זייער געלד, מיט חברים וואס דאכט זיך זיי אז זיי האבען זיי ליעב, זיי מעכטען אבער קליג געוועזען און פערשטעהען, אז זייא נור דאס צוליעב זייערע ניצען, כל זמן מען גיבט זייא צו עסען און צו טרינקען האפען זייא זיך ארום, אבער ח"ו אין אצרה מען דארף ארויס צו העלפען, שטעהען זייא פון דערווייטענס און ווילען נאר נישט וויסען.

צווייטענס, וויא גרויס איז דיא מצוה „פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם" דען דער מענש וואס איז שוין געוועזען אין אזא נידריגע מרדגה, ער האט אויף קיין שטיקעל ברויט גישט געהאט, וויא השי"ת האט געזעהן זיין רחמנות, אז ער האט גאר נישט געקוקט אויף זיין ארומקייט אין האט אויסגעלייזט דאס מיידיל, האט זיך גאט אויך אויף איהם ערבארמט, אין האט איהם אזוי ערהויבען ער זאל זיין איינער פון דיא גרעסטע גבירים.

דריטענס, וויא גרויס די ליעבשאַפט דאַרף זיין צווישען גוטע פריינד.

פיערטענס, אַז מען דאַרף זיך נישט פערזיכערן אין אמענש נאָר אין דעם עיקר אין גאָט ב"ה.

פינפטענס, אַז דער מענש דאַרף מקבל זיין יסורים באַהבה אין מיט שמחה, און דאַרף זאָגען אַז עס איז אַללס ריכטיג, אין בזכות זה וועט איהם גאָט דערנאָך העלפען, אַזוי וויא מיר האָבען דאָ געזעהן מיט דעם מענש, השי"ת זאָל אונז מזכה זיין מיר זאָלען געהן אין זיינע וועגען און מיר זאָלען שטענדיג זיין פערזיכערט אויף איהם אָמן.

12536